The Hebrew Journal — דער אידישער — The Hebrew Journal

זשורנאל

THE ONLY JEWISH DAILY IN ONTARIO

די איינציגע אידישע צייטונג אין אנטעריא.

VOLUME III. No. 854 — Toronto Thursday December 9th 1915 — ב טבת פרשה ויגש הרעו׳ אכטער טאג חנוכה — דאנערשטאג 9־טער דעצעמבער 1915 — PRICE: 1 CENT

A S Freidus c/o The New York Public Library 476 Fifth Ave NEW YORK CITY

גריכען ווילען ענטוואפנען די סערבען

ענגלישע און פראנצויזישע טרופען ווערען אטאקירט אין סערביען

לאנדאן דעצעמבער 8

די לאגע אין די באלקאנען ענדערט זיך יעדע מינוט. די דייטשען און די בול־גארען האבען געגרייכט קענאלי, אויף דער גריכישער גרעניץ, צעהן מייל אין דרום פון מאנאסטיר, און אויף אזא אופן שטע־הען די טרופען פון די עליים אין גע־פאהר ארומגערינגעלט צו ווערען. די בולגארען ווייעדער, וועלכע ווערען גע־שטיצט פון די דייטשען, האבען אטאקירט דעם עקסטרעמען רעכטען פליגעל פון די עליים נעבען שטרומניטזא.

די פראנצויזען זיינען געווען געצוווג־גען זיך צוריק צו ציהען פון דער קריבאלא געגענד און האבען גענומען א נייע פאזיצ־יאן ביי דעמירקאפו אין א טיעפען גע־בירגס פאס, אונגעפעהר 20 מייל פון גריכישער גרעניץ דורך וועלכען עס לויפט די סאלאניקי אייזענבאהן ליניע.

אויף דיזען פלאטץ זיינען זיי אטא־קירט געווארען פון די בולגארען, וועלכע לויט פראנצויזישע בעריכטען, זיינען צוריקגעשטויסען געווארען.

די ענגלישע בעאמטע גיבען צו דאס די לאגע אין מעסאפאטאמיען איז ערנסט זיי ווארפען אבער ניט ארויף די שולד אויף'ן פיהרער פון דער עקספעדיציע.

אין פראנקרייך האבען די דייטשען אטאקירט אויף א שטח פון 15 מייל אין שאמפאן, און האבען פערכאפט איינעגע הונדערט יארד טרענטשעס. א פראנצוי־זישע נעגען אטאקע האט געפיהרט דערצו אז א פיעל פון די פערלוירענע טרענטשעס זיינען צוריק גענומען געווארען. אויף אנדערע פונקטען ווידער האבען די עליים די אויבערמאכט און מאכען אן צרות מיט זייער ארטילעריע פייער.

גריכען געגען סערביען

בערלין דעצעמבער 8

אלע צייטונגען רעדען דא פיעל וועגען אינטערוויו וואס דער פערטרעטער פון דער אססאשיאייטעד פרעס האט געהאט מיט קעניג קאנסטאנטין.

עס ווערען דא געדרוקט בעריכטען פון בוקארעסט אז דער גריכישער קאבינעט זאל האבען אנגענומען א בעשלוס דאס אויב סערבישע טרופען וועלען אנטלויפען אויף זיך ראטעווען קיין גריכענלאנד זא־לען זיי ענטוואפענט ווערען.

די איצטיגע לאגע

עסטרייכישע קריעגס שיפען שטערען ערנסט דעם איטאליענישען קעמפיין אין אלבאניען.

ווי עס זעהט אויס, לאנדען די עליים סאלדאטען מיט קריעגס מאטעריאלען ביי אלעסיא, דוראצא און אוולאן מאכענ־דיג גרויסע אנשטרענגונגען ארויס צו העלפען די זיך צוריקציהענדע מאנטענעג־ריער און סערבען.

די מחמד'אנישע איינוואהנער טהוען אן צרות די צוריקציהענדע סערבען. לויט אפיציעלע טעלעגראמען האט אן עסט־רייכער קרייצער, מיט דער הילף פון א צע שטערער, געזונקען פינף דאמפפער און איניגע שיפלאך ביי סאן דזשאוואנני די מעדואו, נעבען אלעסיא, און דאס צוויי אנדערע שיפען זיינען געזונקען געווארען אויף'ן וועג פון ברינדיסי, איטאליען, קיין דוראצצא, אלבאניען.

עס ווערט אויך בעריכטעט דאס א פראנצויזישער סובמארין איז פערניכטעט געווארען ביי באיאנא, געגענאיבער דער מאנטענעגרינער גרעניץ.

די ענגלישע און פראנצויזישע טרופען אין דרום סערביען זיינען איצט פאלשטענ־דיג איזאלירט פון די סערבען וועלכע ציי־הען זיך צוריק קיין מערב זייט צו אכרידא און דיברא, צוויי שטעדט אין אלבאניען. דיברא קען גענומען ווערען יעדע מינוט. עס ווערט ערווארטעט דאס די סערבען וועלען זיך שטארק אוועקשטעלען אויף דער לענג פון טייך דרין וועלכער לויפט צו צפון זייט פון טייך אכרידא ביז צו א פונקט אין דרום מערב פון פריזרענד, וואו ער בויגט זיך איין און געהט קיין דרום מערב פון דעם אדריאטישען ים. זיי זיינען ניט אוועק פיעל ווייט פון פלעוולע, נע־בען וועלכען פלאטץ די מאנטענעגרינער האבען אנגענומען די אפענסיווע און הא־בען צוריקגעשטויסען זייערע פערפאלגער. ביידע צדדים ליידען פיעל אין די ווילדער ניסען פון אלבאניען.

די שטעלונג פון גריכענלאנד האט זיך ניט געענדערט. די לעצטע מינוט אבער הערט זיך דאס די גריכען ווילען ענטוואפ־נען די סערבען. קארנעל פאלים פון גרי־כישען גענעראל שטאב איז אוועק קיין סא־לאניקי צו קאנפערירען מיט גענעראל סאראי פון די עליים.

דאס גריכישע פאלק איז אונרוהיג און אונצופריעדען.

און די בולגארען מיט די טערקען זעהען עס אויס וועלען זיך לייכטליך צווי־שען זיך צוקריגען. נאטירליך, די דייט־שען וועלען זוכען צו מאכען שלום צווי־שען איהרע שותפים.

דייטשלאנד גיט אויס 27 מיליאן דאלאר אויף פראפאגאנדע אין אמעריקא

מען בעהויפטעט דא אז גראף פאן בערנסטארף, דער דייטשער אמבאסא־דאר זאל האבען געווען דער פיהרער פון אן ארגאניזאציאן, וועלכע האט אויסגע־געבען 15 מיליאן דאלאר איינהאלטענדיג א קארפוס פון 11 טויזענד גאסען רעדנער וועלכע זיינען געווען שטענדיג בעשעפ־טיגט אין די גרויסע שטעדט פון די פער־איינגטע שטאאטען זוכענדיג צו געווינען די אמעריקאנער סימפאטהי פאר דייטש־לאנד.

די פראפאגאנדא וואס דייטשלאנד האט אנגעפיהרט אין די פעראייניגטע שטאא־טען אין צייט פון קריעג זאל האבען גע־קאסט דייטשלאנד די סומע פון 27 מיל־יאן דאלאר.

פארד'ס פריעדענס עקספעדיציע באמבארדירט פרעזידענט ווילסאן

ניו יארק דעצעמבער 8

היינט האט הענרי פארד ווידער "אויסגעשאסען א פריעדענס קויל" פון דער דראטלאזער באטארעע פון דער פריע־דענס שיף "אסקאר דער צווייטער".

ער האט געשיקט צו דער יונייטעד פרעסט און צו אנדערע נייעס אגענטורען דורך דער דראטלאזער סטאציאן אן ארטיקעל פון 800 ווערטער אין וועלכען ער בע־שרייבט א מיטינג וואס איז אבגעהאלטען געווארען אויף דער שיף נעכטען אבענד אויף וועלכען מיטינג עלליס דזשאנס, פון פארעסט הילס, האט אטאקירט פרעזי־דענט ווילסאנס מעססידזש פון פריפע־רעדנעס, וועלכען ער האט געשיקט צום קאנגרעס.

דזשאנס האט זיין אטאקע אנגעהוי־בען נאכדעם ווי ס. ס. מעקליור, דער רע־דאקטאר פון דער ניו יארק איווינינג מייל, האט פארגעלעזען פאר די פריעדענס רייזענדע אן אויסצוג פון דעם פרעזידענטס מעסיידזש וועלכער איז געווען געדרוקט נאך איידער דער פרעזידענט האט איהם געלעזען פאר'ן קאנגרעס.

"דאס איז א רעאקציאנערער מע־סיידזש, האט דזשאנס געזאגט, "און ער קומט צו אונז אין א צייט ווען מיר מו־זען ארויסריידען. מיר געהען איצט מא־כען א פערזוך אבצושטעלען א שרעקליכע מלחמה צווישען נאציאנען, יעדע פון וועל־כע איז געווען פארבערייטעט אויף א מי־ליטערישען אופן פאר מלחמה. דאס איז ניט קיין צייט צו צעשטערען אמעריקא־נער טראדיציאנען און צו פרעפערטיגען די פעראייניגטע שטאאטען צו קריעג."

דזשאנס האט געצויגען די אויפ־מערקזאמקייט אויף דעם פאקט וואס אויף דער גרעניץ צווישען אמעריקא און קאנא־דע זיינען קיינע פעסטונגען ניטא און דאך עקזיסטירען צווישען ביידע נאציא־נען פריעדליכע בעציהונגען. דאס זעל־בע עקזיסטירט אויך צווישען נארוועגען און שוועדען. ער האט דערמיט גע־זוכט צו בעווייזען דאס דער שלום וואס עקזיסטירט צווישען די דערמאהנטע נאציאנען איז א רעזולטאט פון דער אב־וועזענהייט פון פעסטונגען. ער האט ארויסגעפאדערט דעם פרעזידענט ער זאל ערקלעהרען פאר וועלכען שונא אמעריקא דארף מורא האבען.

"זיי רופען אונז פייגלינגע", האט דזשאנס געשריען, "עס קען זיין דאס יע־דער פייגלינג איז א פאסיפיסט, א שלום זוכער, דאס הייסט אבער ניט אז יעדער פאסיפיסט איז א פייגלינג. און דאס גע־הען מיר בעווייזען. פרעזידענט ווילסאן און די אלע טראסטס וואס פאבריצירען קריעגס מאטעריאלען אין די פעראיי־ניגטע שטאטען נאך איידער מיר וועלען מיט אונזער ארבייט פערטיג ווערען."

פרעדריך דער גרויסער פיהרט טויזענד פאסאזשירען.

ניו יארק, דעצעמבער 8

דער דאמפפער פריעדריך דער גרויסער האט היינט פערלאזט ניו יארק קיין קאפענהאגען, דענעמארק, פיהרענדיג אונ־געפעהר טויזענד פאסאזשירען, צווישען וועלכע עס געפינען זיך צוויי און צוואנ־ציג וועלכע פאהרען מיט'ן צוועק זיך צו־זאמען צו טרעפען מיט פארד'ס פריעדענס עקספעדיציאן. די גרויסע צאהל פא־סאזשירען אויף דיזער שיף האט ניט קיין שייכות מיט דיזער עקספעדיציאן. דאס פאהרען סקאנדינאוויער און האלענ־דער אהיים אויף קריסטמעס.

איטאליען קאסט די מלחמה 100 מיליאן מאנאטליך

רוים דעצעמבער 8

אין א סטייטמענט פאר דער דעפו־טירטען קאמער האט דער פינאנץ מיניס־טער, פאאלא קארקאנא ערקלעהרט דאס דער בודזשעט פאר 1914—15 האט זיך געשלאסען מיט א דעפיציט פון 567 מיל־יאן דאלאר.

דער פינאנץ מיניסטער האט צוערשט נביאות געזאגט דאס די מלחמה וועט זיך פערציהען ביז חדש יוני, דאן האט ער גע־וויזען א חשבון אז די מלחמה קאסט אי־טאליען 100 מיליאן דאלאר מאנאטליך און דאס די אויסגאבען וועלען זיך נאך פערגרעסערען און דארום האט ער אפע־לירט פאר א נאציאנאלער הלואה.

בריעף אין זשורנאל

א בריעף געפינט זיך אין אפיס פון אידישען זשורנאל פאר ר. גרינבערג פון 69 קארלטאן סטריט.

דער בריעף קומט פון דעטראיט מיר־שיגען.

נאך די וואך וועט קאנסקריפשאן ענטשיידען ווערען

לאנדאן דעצעמבער 8

די ענגלישע ליבעראלע פרעסע וועל־כע האבען זעהר שטארק מורא פאר דעם ערפאלג פון לארד דערבים וואלונטיר פלאן, אגיטירען שטארק, אז די צייט פון דעם לארדס בעריכט זאל פערלענגערט ווערען ביז דעם ערשטען יאנואר 1916 און ניט דעם 11־טען דיזען מאנאט ווי די צייט איז בעשטימט געווארען.

די ליבעראלע פרעסע דענקט אז דער דערבי פלאן איז ניט אין גאנצען געלונגען דאס הייסט עס זיינען ניט אריינגעקומען גענוג רעקרוטען און פאלגליך וועט מען דארפען איינפיהרען קאנסקריפשאן.

לארד דערבי האט אבער אנאנסירט אז ער וועט זיין בעריכט ניט אבלייגען נור ער וועט צו דער בעשטימטער צייט צו־שטעלען זיין בעריכט צו דער רעגיערונג און זאל די רעגיערונג ווייטער טהאן וואס עס איז נויטיג, דאס הייסט איינפיהרען קאנסקריפשאן אדער ניט.

דאמיניאן עלעקשאן וועט אבער געלעגט ווערען אויף א יאהר

אטאווא דעצעמבער 8

טראצדעם וואס אויף זיכער ווען דא־מיניאן וואהלען וועלען פארקומען וועט מען ערשט וויסען ביי די זיצונגען פון פארלאמענט ווען ער וועט זיך עפענען. דעסטוועגען ווייס מען שוין אז די צייט פון דעם פארלאמענט וועט פערלענגערט ווערען אויף איין יאהר.

פראמינענטע מיטגליעדער פון דער אפאזיציע האבען ערקלעהרט אז זיי זיינען איינשטימיג, אז די צייט פון דעם פאר־לאמענט זאל פערלענגערט ווערען אויף איין יאהר פון דעם 1־טען אקטאבער, און עס איז אויך זיכער אז די לעד־זשיסלייטשור קאמיטע וועט עס פערהאנ־דלען און וועט אזא רעקאמענדאציע ברענ־גען צום פארלאמענט וועלכע וועט זיכער אנגענומען ווערען.

וואס וועט ענגלאנד טהאן ווען פריעדען וועט פארד געשלאסען ווערען

לאנדאן דעצעמבער 8

"אויב א סעריאזער פריעדענס פאר־שלאג וועט געמאכט ווערען, פון דעם שונא'ס זייט, דירעקט אדער דורך א נייט־ראלער רעגיערונג וועט עס צו ערשט פער־האנדעלט ווערען פון די פעראייניגטע רע־גירונגען, ביז דאן קען איך גאר ניט ערקלעהרען וועגען דער פראגע."

דאס איז געווען פרעמיער אסקוויטס ענטפער, אין דער הויז אף קאמאנס אויף דער אויפפאדערונג פון דעם סאציאליס־טישען דעפוטאט פיליפ סנאודען, וועלכער האט געפאדערט אז אויב פריעדענס פאר־שלעגע וועלען געמאכט ווערען זאלען זיי ניט צוריק געוויזען ווערען אהן דער צו־שטימונג פון פארלאמענט.

פרעמיער אסקוויט האט אויך צוגע־געבען אז אזוי שנעל ווי א פריעדענס פאר־שלאג וועט געמאכט ווערען וועט זיין דער וואונש פון דער רעגיערונג זיך צו בע־ראטהען מיט'ן פארלאמענט.

6 טויזענד ציווילע בעלגיער דער־שאסען

פאריז דעצעמבער 8

די בעלגישע רעגיערונג אנאנסירט דאס דער סך הכל פון ציווילע מענשען וואס זיינען געטויטעט געווארען אין בעלגיען זייט די דייטשען זיינען דארט געווארען די בעלי בתים האט געגרייכט העכער 6 טויזענד.

אין דער פראווינץ בראבאן איז פער־צייכענט דאס 897 קרבנות זיינען געפאלען, אין ליעזש מעהר ווי איין טויזענד, אין לוקסעמבורג זיינען אונגעפעהר 12 הונדערט ציווילע געשאסען געווארען, אין נאמור מעהר ווי 18 הונדערט און אין האינהאלט אונגעפעהר 300.

גענויע ציפערען פאר די פראווינצען אנטווערפען, לימבורג און פלאנדערן זיינען ניטא.

געהרג'עט געווארען זיינען אבער דארט אויך פיעל. וועגען דעם איז קיין צווייפעל.

בולגארישעס מיליטער קאנצענטרירט זיך ביי דוראן

פאריז דעצעמבער 8

עס ווערט בעריכטעט דאס א גרויסע צאהל בולגארישעס מיליטער — אונגע־פעהר 50 טויזענד — ווערט קאנצענט־רירט אין געגענד פון דויראן אונגעפעהר העלפט וועג צווישען סאלאניקי און דעם צפון עק פון דעם פראנצויזישען פראנט, לויטעט א דעפעשע צו דער צייטונג "טאן" פון סאלאניקי. אין דערזעלבער צייט פארמירען זיך דייטשע ליניעס גע־גענאיבער די ליניעס פון די עליים.

דאס דייטשע חיל, לויט דיזער דעפעשע זיינען וואהרשיינליך פון דער ארמיי פון גענעראל פאן גאללוויטץ.

היינט איז דער אכטער טאג עס איז דער לעצטער טאג חנוכה

האט איהר שוין געגעבען חנוכה געלד אייערע ברידער און שוועסטער וואס בע־טען און בעטען און בעטען און האבען קיין כח מעהר צו בעטען איהר זאלט אויף זיי רחמנות האבען ?

האט איהר נאך ניט געגעבען חנוכה געלד ? היינט איז דער לעצטער טאג.

עס וואלט קיין עולה ניט געווען אז היינט זאלען שטעהן טויזענדער אידען פאר'ן אפיס פון זשורנאל ברענגענדיג חנוכה געלד צום טרעזשורער פון קאנפע־רענץ, מר. ה. וויינבערג.

די גאס האט בעדארפט שווארץ זיין מיט מענשען וואס שטעהען און ווארטען ווער מיט א ניקעל, ווער מיט 10, 15, 20 סענט און אזוי ווייטער, כדי צו פיהלען און וויסען אז אויב מאנכע זיינען פון הונגער היינט אויסגעגאנגען איז דאס ניט מיין שולד, "איך האב געגעבען חנוכה געלד."

עס וואלט שעהן געווען. עס וואלט געוויזען אז עס זיינען פאראן מאמענ־טען אין אונזער לעבען ווען מיר זיינען גרויס אין מענשליכען זינען.

מאמענטען ווען מיר זיינען גוט, ווען מיר זיינען הארציג און ברידערליך, ווען אונזערע נשמות זיינען ריין מענשליכע.

אין די טויזענדער דארפען מיר שטעהן אין דער רייהע און ווארטען ביז מען וועט אונז א טובה טהאן און אונז געבען א געלעגענהייט צו העלפען אונזערע ברידער צו זיין א מענש מיט א מענשלי־כער נשמה.

אידען, עס איז א גרויסער אונגליק, ראטעוועט !

י. אלטבום 51 קעמערען סטריט האט אריינגעטראגען צום טרעזשורער ה. וויינ־בערג 50 סענט חנוכה געלד פאר די מלחמה קרבנות.

ווער איז נעקסט ?

לאקאלע פאסירונגען

אברהם בעסאוויטש, פון 109 יוניווער־סיטי עוועניו, איז צו פריה ארונטער פון בעט און דערפאר דארף ער ליגען אין האספיטאל ביז ער וועט געזונד ווערען.

מיט א צייט צוריק האט אן אדער גע־פלאצט ביי בעסאוויטשען אין פוס, און עס האט געבלוטעט, א דאקטאר האט איהם אטענדעט און ער האט זיך געבע־סערט.

ער איז אבער צו פריה אראב פון בעט, און די וואונד האט זיך צוריק געעפענט, אן אמבולאנס איז גלייך גערופען געווא־רען וועלכער האט איהם אבגעפיהרט אין האספיטאל. צוערשט האט מען גע־רעכנט אז ער וועט ניט קענען אריבער־טראגען דעם שטארקען בלוט פערלוסט.

אבער די דאקטוירים האבען דאס בלוט פערהאלטען און פערזיכערען אז ער וועט געזונט ווערען.

פאול וויסעניסקי, איז פארגעבראכט געווארען אין פאליס קאורט אויף א קלאגע דאס ער האט גענגנבעט דזשועלרי פון מא־רים האסקעטס.

דער אנגעקלאגטער האט זיך פערטהיי־דיגט דערמיט וואס ער האט ערקלעהרט אז ער האט עס געטהאן אין יארד.

ער האט אויך ערקלעהרט אז ער קען ברענגען אן עדות וועלכער זאל עס בע־שטעטיגען.

דער טרייעל איז אבגעלעגט געווארען ביז פרייטאג.

מרים וויני מינער איז פארגעבראכט געווארען אין פרויען געריכט אויף א קלאגע דאס זי האט צוגנבעט זאכען וועלכע האבען בעלאנגט צו עלפי מארי־סאן ווען זיי זיינען ביידע געווען צו א דענס.

דער טרייעל איז אבגעלעגט געווארען ביז דעם 9־טען דיזען מאנאט.

אין דער יעצטיגער דיוויזיע וועלכע גע־פינט זיך יעצט אין טאראנטא און בע־שטעהט פון 867, 13 מענשען, סאלדאטען און אפיציערען געפינען זיך צוויי פרא־צענט אידען.

דעם העכסטען פלאץ פערנעהמען די ענגלענדער, זיי האבען דארט 51 פרא־צענט.

נעכטען איז פארגעקומען א מיטינג אין סיטי קאנסול פון די מעמבערס, די באארד אף קאנטראל און סער עדמונד בעק, און די הארבאר באארד צו דיסקוטירען וועגען דער רידעל רייליוויי אויף וועלכע מען וועט דארפען אויסגעבען 23000,000 דאלאר.

קיינע אנדערע מענשען זיינען צום מיטינג ניט צוגעלאזען געווארען זאגאר קיין צייטונגס לייטע האט מען ניט צוגע־לאזען אבער עס איז נאך גאר נישט בע־שלאסען געווארען.

א שעהן געקליידעטער יונגער מאן האט נעכטען אין מיטען טאג בערויבט די סטאר פון 11 דאפרין סטריט וואו עס געפינט זיך די סטאפער לאנטש.

מיט א רעוואלווער אין האנד האט ער געצוואונגען דעם בעל הבית אויפצוהייבען די הענד און אין דער צייט האט ער ארויס גענומען 8 דאלאר פון קעש רעדזשיס־טאר.

דער רויבער האט נאך זיך קיין שפור געלאזען.

עוועלין מאס איז נעכטען נאכמיטאג ארעסטירט געווארען אויף דער קלאגע פון פאלשקייט.

זי האט נעמליך געקויפט א וויסט אין איטאנס פאר איין דאלאר, און האט דעם ביל איבערגעמאכט אויף 7 דאלאר און האט געוואלט דאס געלד צוריק.

סעם אפעלבוים, וועלכער האלט א טשיקען סטאר אין 153 מייקאל סטריט איז נעכטען שטראפירט געווארען מיט 20 דאלאר און קאסטען אדער 14 טאג אין דזשייל פאר ניט האלטען ריין זיין סטאר.

אפעלבוים האט נעבאך געטענה'ט אז דאס וואס ער ווערט פערפאלגט פון די אינספעקטארען פון העלטה דעפארטמענט וועט רואינירען זיינע ביזנעס.

דזשאדזש קאהען האט עס אבער ניט גענומען אין אכט.

לאיער הירשפעלד ערפאלגרייך אין זיין מיסיאן

פאלגענדע טעלעגראמע האבען מיר ער־האלטען פון ריכטער לעאן סאנדערס, דער פרעזידענט פון דער אידישער אימיגראנט אייד סאסייעטי פון ניו יארק :

"רעדאקטאר פון טאראנטאר אידי־שער זשורנאל.

דער מיניסטער פון אינערליכע אנגע־לעגענהייטען ראבערט לענסינג האט מיר טעלעגראפירט דאס ער האט ערהאלטען א מעסיידזש פון דעם אמעריקאנער אמבא־סאדאר אין בערלין און ער ערקלעהרט דאס אונזער פערטרעטער אידזשאר הערש־פעלד מיט פאול נאטהאן פון הילפספער־איין דער דייטשען יודען און א דעלעגאצ־יאן פון אנדערע פראמינענטע אידען פאה־רען זאפארט קיין ווילנא ביאלאסטאק צו זעהן וואס עס איז צו טהאן פאר די אידי־שע מלחמה ליידענדע.

(געחתמ'עט)

היברו שעלטערינג און אימיגראנט אייד סאסייטי אף אמעריקא.

לעאן סאנדערס, פרעזידענט."

געלדער ערהאלטען

די געלדער וואס פאלגענדע פערזאנען האבען געשיקט קיין רוסלאנד דורך'ן אידי־שען זשורנאל זיינען ערהאלטען געווארען מיר האבען ערהאלטען רעסיטס :

סקאפנער,
39 דזשעראלד סטריט

גוראוויטץ
297 מענינג עוועניו

עני רעסקאווין,
71 סיינט פעטריק סטריט

וו. סאפער
95 אגוסטא עוועניו

מ. רים קערסי
52 עוים סטריט

מ. קאטין
689 פערי עוו. ניאגרא פאללס

גארבער
69 עליזאבעטה סטריט

ק. קאהען
12 גרענדויס עוועניו

מיסס שפאראגא
28 לעאנארד עוועניו

מ. זורעף
689 פערי עוו. ניאגרא פאלס, אנט.

מ. גארעליק
58 קעמערען סטריט

ז. שעקמאן
83 וואלטאן סטריט

א. ראזען.
87 ד'ארסי סטריט

געלד געשיקט

מר. ה. וויינבערג, שיקט געלד קיין רוסלאנד לויט טאגעס קורס.

37

סענט (פארזרובעל)

מיר שיקען אויך טעלעגראפיש

מר. ה. וויינבערג, דער ארויסגעבער פון „זשורנאל" מיינט בלויז די טובה פון די וואס שיקען, אז זייער געלד זאל אנקומען שנעל, ריכטיג און פאר דעם בילינסטען פרייז.

דער אידישער זשורנאל מופט קירצליך אין א גרעסערען פלאץ 251-253 קווין סטריט וועסט

קלאסיפיצירטע דירעקטארי

איטין'ס קויהלען
די בעסטע אין מארקעט. ריכטיגע וואג. דעליווערט צום הויז. פאן קאלעדזש 1636.

אינשורענס

פייער ! פייער ! פייער
פייער אינשורענס ביי דער בעסטער, רייכסטער און ראיעלסטער קאמפאני אין אמעריקא. די באנקינגענטאל אינשורענס קאמפאניע 24 טאראנטא סטריט, טאראנטא. פאן מיין 4711

פלייט גלאס און בורגלערי אינשורענס.
ביי דער זיכערסטער קאמפאני קענעדא'ס אינשורענס אפיס 24 טאראנטא סטריט, טאראנטא. פאן מיין 4711

עקסידענטס און סיקנעס אינשורענס
די זיכערסטע קאמפאני, רייכסטע און ראיעלסטע אין אמעריקא. קענעדא'ס אינשורענס אפיס 24 טאראנטא סטריט, טאראנטא. פאן מיין 4711

אויטאמאביל אינשורענס
די זיכערסטע, בעסטע רייכסטע און ראיעלסטע קאמפאני אין אמעריקא קענעדא'ס אינשורענס אפיס 24 טאראנטא סטריט, טאראנטא. פאן מיין 4711

מעריידזש לייסענס
אויב איהר דארפט מעריידזש לייסענס, סיטיזען־פייפערס, דאן קומט צו קענעדא'ס אינשורענס אפיס 24 טאראנטא סטריט אדער 50 בערנארד עוועניו מר. קענען וועט אייך גוט בעהאנדלען. טעלעפאנירט צו איהם מיין 4711
1—1

אייז קרים און טאבעקא

דזוארקינס אייז קרים פארלאר
ציטונגען און בוכהאנדלונג.
145 סיינט פעטריק סטריט. פאן קאלעדזש 4029 (12—10)

בוטשערס

איבראם בראדערס
האלסייל און ריטייל בוטשערס
36 סיינט ענדרוז סטריט פאן קאלעדזש 6733 (12—10)

מ. בראקער
די בעסטע פליישע, אויך טשיקענס פון ער הכשרות בוקוג. 55 קענזינגטאן עוועניו
12—14

גאלדשטיינס בוטשער שאפ
אלערליי פליישען צו 8 סענט א פונט 204 וואקיה עוועניו קארנער ארטהור טעלעפאן קאלעדזש 1470
12—22

בארנשטיין און וויינראטה
די בעוואוסטע בוטשערס פערקויפען אלערליי פליישען צו 8 סענט א פונט. 2 סטארס: 134 [illegible] סטריט, און 80 עליזאבעטה סט.
12—22

סאלקאוויטשעס פלייש מארקעט
בעסטע פליישען צום זעלבען פרייז. 92 ארטהור סטריט
12—25

בוכהאנדלונגען

דזוארקינס הויפט בוכהאנדלונג
ציטונגען אגענטור און אדווערטייזינג אפיס 64 עליזאבעטה סטריט. פאן אדעלייד 3799 (12—10)

בייסיקעל דילערס

די פיהלס בייסיקעל ווארקס
163 ענגעס סטריט. טעלעפאן אדעלייד 3582 אויטאמאבילס גערענט פאר $1.25 א שטונדע (12—10)

פאלאק'ס 20 ענגעס סטריט
בייסיקעלס און ביבי קערעדזשעס געפיקסט בעסטע צופרידענהייט
12—14

בעקערס און קאנפעקטיאנערס

די יונייטעד בעקערס
די ריינסטע און געשמאקסטע פערשידענע ברויטען און קייקס. 94 ענגעס סטריט. טעלעפאן אדעלייד 3533 (12—10)

בארבערס און האר דרעסינג

איך מאך די בעסטע שייטלען
און פליכטס צו ביליגסטע פרייזען מרס. דאבין 128 טשעסטנאט סטריט (12—10)

וויניקס בארבער שאפ
די בעסטע שייווס און הייראקאט, שנעלע אטענדענס. 165 סענט פעטריק סטריט (1—9)

גראסערים

ה. דייוויס, 14 קענזינגטאן עוועניו
האלסייל און ריטייל גראסערי, צוקער 6 סענט. ליבט 8 סענט א דאזען. טעלעפאן קאלעדזש 4281 (1—9)

מרס. טאען'ס גראסערי
קומט פאטראניזירט די גראסערי, ביליגע פרייזען 83 ארטהור סטריט
12—25

דאמיניאן גראסערי
האלסייל און רייטעיל. 110 ענגעס סטריט. קאנטרי ארדערס פינקטליך אטענדעט. קעסלער פראפ.
(12—10)

די אנטאריא איסט קא.
די בעסטע הייוון צו בעקומען אין אלע גראסעריס אפיס 46 סענטער עוו.
12 17

ראזענפעלד'ס גראסערי
51 ארטהור סטריט. טעלעפאן קאלעדזש 5433 פרישע גראסערי דעליקאטעסען, וועדזשעטייבל, פרוכט. אלעס ביליג.
1—1

גאלד'ס גראסערי
קארנער סט. פעטריק און קענזינגטאן, גראסעריס, דעליקאטעסען, פרוכט צו ביליגע פרייזען.
1—1

גלאז, עלעקטריק הארדוועאר סופליי

ב. קאפלאן.
הארדוועיער מערטשאנט און בילדינג סופליי. 140 ענגעס סטריט. טעלעפאן מיין 6053 (12—10)

די קאט רייט פלייט גלאס קא.
אלערליי שויבען, פענסי גלאז, שפיגעל גלאז ביליג 104 עליזאבעטה סט. פאן מיין 6318 ס. יארמאלינסקי פראפריעטאר.
12—14

ראיעל עלעקטריק סופליי קא.
קויפט דירעקט עלעקטריק פיקטשורס פון האלסייל 106 קווין סטריט וועסט
12—14

די עדיסאן עלעקטריק ווייערינג קא.
הויז, סטארס, פעקטאריס עלעקטריק ווייערינג גאראנטירטע ארבייט. 309 קווין וועסט פאן אדעלייד 3395
12—14

ב. שערמאן
פלאמבער, בלעכער און הארדוועיר, 527 קווין סט. וועסט. פאן אדעלייד 2055
12 17

דראגיסט

ג. ספריגג
פרעסקריפשאן דראגיסט.
פרעסקריפשאן און סיגאר פעטריק פאן קאלעדזש 405 (12—10)

מ. ס. מיראטשניק
פרעסקריפשאן דראגיסט, 50 ארטהור סטריט קארנער פאלמערסטאן עוועניו. טעלעפאן קאלעדזש 3711, נאכט בעלל
12 17

דילער און פראדוס

די קענעדיען קרימערי קא.
20 דזשארווים סט. פאן קאלעדזש 6109 די בעסטע, פרישסטע פאסטערייזט מילך דעלי־ווערט.
12 17

האלפערינס פוטער
ריינע, פרישע פוטער יעדען טאג. פרעגט אויף דיי אין גראסערי, אדער טעלעפאנירט פאן קאלעדזש 7574
12 17

דעליקאטעסען און לאנטש רום

מ. גרייזמאן'ס
ניו יארק כשר דעליקאטעסען און לאנטש רום פאן ארדערס דעליווערט. 72 טשעסטנאט סטריט. טעלעפאן מיין 6203 (12—10)

אלטמאנס
דעליקאטעסען סטאר און לאנטש / ב. בעסטע געמאכט פיש, אין טראנטא דעל הערט 56 עליזאבעטה סטריט. פאן אדעלייד 2279
12—14

דזשאו קראפיפקא
דעליקאטעסען און לאנטש רום
17 סיינט פעטריק סטריט. פאן קאלעדזש 3757 (12—10)

דזוארקינס אייראפיען לאנטש רום
פאר אלע ארבייטער קלאסען. 60 עליזאבעטה סט. אפען פון 6 מארגענס ביז 12 אבענד.
(12—10)

מארקאוויטשעס לאנטש רום
סאפט דרינקס, קענדים און דעליקאטעסען. 60 טעראלי סטריט. פאן אדעלייד 957 (12—10)

דזשוועלערי און קראקערי

מינאוויטשעס דזשועלערי סטאר
עקספיריענסד דזשועלערי און וואטש מייקער אלע ארבייט גאראנטירט 85 עליזאבעטה סטריט. פאן מיין 3244 (12—10)

בלומשטיינס אימפארטירטע
קראקערי און ענאמיל. אלע קאנטרישע קיך געשיר 169 סיינט פעטריק סטריט
12—14

י. ה. לאיס
פאטאגראפער און אפטיקל. צופרידענהייט גאראנטירט. 50 ענדרוס סט. ניער מיקאל. פאן מיין 2133
12 17

ליטאוויטשעס דישעס סופליי
113 דעניסאן עוו. ניער סט. פעטריק דישעס אויף חתונות, בריו'ן, פארטיעס געבארגט.
12 17

העטס און מילענערי

די קראהן מילינערי סטאר
די לעצטע, שעהנסטע סטייל לידיס העטס מעסיגע פרייזען. קומט איבערציינגט אייך 260 קווין סטריט וועסט (12—10)

ריעל עסטייט

W. WOOLFE
ריעל עסטייט און אינשורענס 52 ארטהור סטריט. פאן קאלעדזש 1820
12—14

וואדעוויל און מאווינג פיקטשורס

פיפעלס טהעאטער
שעהנסטע וואדעוויל און מאווינג פיקטשורס 332 קווין וועסט ניער ספאדינא
12—14

די פיפעל ליעף טהעאטער
הייקלאס מאווינג פיקטשורס קארנער קווין און עליזאבעט סטריטס
12—14

טשיקענס און פיש

רובינשטיין און גראסמאן
טשיקען דיעלערס, טשיקענס ווערט געשעכטען צום וועד הכשרות. דעליווערט צו הויז 123 ענגעס סטריט. פאן מיין 4704 (12—10)

הערי גאלד
פיש דיעלער און אימפארטירטע סקאטש, און האלענדער שמאלץ הערינגס. 7 סיינט פעטריק מארקעט. פאן אדעלייד 3796 (12—10)

מאיר קאפלאן, פיש דיעלער
פרישע פיש אימער צו ביליגער ווי איבעראל 132 [illegible] פאן מיין 6980 (12—10)

די פארמערס פראדוסיע
גוטע טשיקען, פרישע פיש. דעליווערט פריי ביליג. 31 באלדווין סטריט.
12—14

ב. וויינשטיין
גענז, טשיקענס, קאטשקעס, אויך זרוכט 26 קענזינגטאן עוועניו.
12—14

גלאסמאן'ס פיש סטאר
אלערהאנד לעבעדיגע פיש צו יעדער צייט ביליגע פרייזען. 58 ארטהור סטריט.
12—25

טאבעקא דילערס

ראשיאן קענעדיען טאבעקא קאמפ.
מאנופעקטשורערס פון פאטיאמקינס טאבאק 78 וויליאם סטריט. טעלעפאן אדעלייד 1837 (12—10)

י. און ה. דווארקין
האלסייל טאבאקאניסט
64 עליזאבעטה סטריט. פאן אדעלייד 3799 (12—10)

סאפט דרינקס

דז. פאומאן
קארמאנייטעד דרינקס, זויערע פיקעלס, פאטייטאס 11 קער האוועל סטריט. פאן קאלעדזש 2190
12—14

פיינטס און וואלל פייפער

יעקב שווארץ
וואל פייפערס און פיינטס צו ביליגע פרייזע. די שעהנסטע דעזיינס 129 טשעסטנאט סטריט. פאן אדעלייד 4047 (12—10)

האפמאנס פייפער און פיינט סטאר
די שעהנסטע פייפערס צו ביליגע פרייזען 129 ענגעס סטריט פאן אדעלייד 3921 (12—10)

דז. ראטענבערג
וואל פייפער און פיינט
186 סיינט פעטריק סטראט. פאן קאלעדזש 4538
12—14

טאראנטא פיינט און וואלפייפער קא.
שעהנסטע פיינטס און וואל פייפער. אפען אבענדס 45 ענדריסאן סטריט פאן אדעלייד 3554
12—14

די ארט פיינטינג קאמפאניע
60 ארטהור סטריט קאלעדזש 4798 הייקלאס וואל פייפער, פיינטס אויך אינאמעל
12—22

פארניטשור דילערס

ראטשטיינס פארניטשור קא.
ספעשעליסט אין הויז פארנישינג. קעש און קרעדיט 490 קווין סטריט וועסט. פאן קאלעדזש 6981 (12—10)

ל. יאללעס.
הייקלאס פארניטשור. קעש אדער קרעדיט ביליגע פרייזען. 379 קווין סטריט וועסט. פאן אדעלייד 1345
12—14

די קינג אקשיאן רומס
פארניטשור דיעלערס, סיילס מיטוואך און שבת אום 2 אוהר. 439 קווין סטריט וועסט. (12—10)

דזש. שיפמאן
איך קויף און פערקויף פערשידענע סטאר־פיקטשורס. 168 ענגעס סטריט פאן מיין 7636
12—25

איראם נשוועלערי סטאר
וואטש מייקער, אלע ארבייט גאראנטירט 489 קווין סטריט וועסט (1—9)

אברהם שטארק
דיעלער אין טשיקענס, גענז און קאטשקעס. טעלעפאן ארדערס פינקטליך אטענדעט. 12 סענט פעטריקס מארקעט. — אדעלייד 3669
1—7

וואלפיש'ס
דריי גודס און שוה סטאר
140 עליזאבעט סטריט. ביליגסטע פרייזען. 1—2

פארס און שוהס

ערון קארפ
וועט עס נייטיגען א גוטען דזשאב [illegible] מאכען פון איטע גייע. קומט און איבערציינגט זיך. 171 סיינט פעטריק סטריט. (1—9)

מ. געללער
73 עליזאבעט סטריט. ספעשעליסט און רעפערינג אלערליי פארס. טרומינגס סעט און קאוטס. ביליגע פרייזען. (12—10)

די מאדערן שוה רעפערינג קא.
שיך ווערט געמאכט צו ארדער. ביליגע פרייזען 497 קווין וועסט. פאן אדעלייד 1074
12—14

די קוואליטי שוה סטאר
גענעק, פרייזען קינדער שיך. ביליגע פרייזען צופרידענהייט גאראנטירט. 92 קווין סט. וועסט (12—10)

די לאנדאן פאר קא.
פאר סעטס, קאוטס, טרומינגס. ספעשעל אלטערייישאנס. 304 יאנג סטריט
12—14

ראזענשטיינס שוה רעפערינג
459 קווין וועסט, פיר די בעקוועמליכקייטען פון מיינע קאסטומער ריפער איך אלע ארבייט ביליגע פרייזען.
12 17

קיילע, היי און האבער

מ. איטין
ראדזשערס קוילען. ריכטיגע וואג. דעליווערט צום הויז. פאן קאלעדזש 1036 אפיס 55 אגוסטא עוועניו

ג. גודמאן
היי, האבער און ראדזשערס קוילען. דעליווערט אין הויז. 100 ענגעס סטריט. פאן מיין 6057 (12—10)

ש. סאלאווי
היי, האבער צו ביליגע פרייזען דעליווערט 40 קעמערען סטריט טעלעפאן קאלעדזש 5443
1—1

קלינינג און פרעסינג

מ. הערמאן
דייאינג, קלינינג, פרעסינג און ריפערינג גאראנטירט גוט ביליגער ווי איבעראל. האלסייל און ריטייל. 66 עליזאבעטה סטריט. (12—10)

ס. זייד, די עפישינג קלינינג קא.
קלינערס, דייערס און פרעסערס 205 ספעדיינא. פאן אדעלייד 2897 (12—10)

גרינבערג'ס היי קלאס קלינינג
צו די ביליגסטע פרייזען, דעליווערט. 539 [illegible] פאן קאלעדזש 2905
1—

שניידער און שניידער סופליי

באלטער בראדערס
ווער עס וויל זיין געדרעסט נאך די לייטעסט סטייל זאל קומען צו באלטער בראדערס 193 קווין סטריט וועסט. פאן אדעלייד 2792 (12—10)

פ. דייווים
באים, סוטס און אווערקאוטס צו ארדער מעסיגע פרייזען. 167 ענגעס סטריט (12—10)

שטיינהאוס און גרינבוים
פערסט קלאס מענער קאסטום שניידער. זייער ארבייט איז גאראנטירט 90 ענגעס סטריט. פאן אדעלייד 2796 (12—10)

גראסמאן בראדערס
מאנופעקטשורער פון מענס וועסט, האלסייל און קאסטום טיילאר. 162 נערענדוש עוועניו
12—14

געלמאנס טיילארינג
סוטס מיט אייער, אדער מיט אונזער וואארע. מעסיגע פרייזען, אויך קלינען און פרעסען 129 אגוסטא עוועניו.
12—14

דרעסעס און סוטס
געמאכט צו די ביליגסטע פרייזען, חופה, חתונה דרעסעס און אפערא קלייס צו רענטען 18 סיינט פעטריק סטריטס
12—22

1 דאלאר סקווערט הויז.
סקווערטס צו מעזשור $1 אפ. דרעסעס $2,50 אפ 11 ארטהור סטריט. טעלעפאן קאלעדזש 1388
12—25

ווען איהר פאטראנייזט די לייטע וואס זיינען אדווערטייזט אין דעם „אידישען זשורנאל“ דאן פאטראנייזט איהר אויך דעם „אידישען זשורנאל“. דערמאהנט דעם „אידישען זשורנאל“ ווען איהר קויפט וואס.

ליעבע, האס און ראכע

א אינטערעסאנטער און שפאנענדער ראמאן

בעארבייט פון ל־ק־ד.

(26־טע פארזעצונג)

— אבער זעהט גרעפין, וויא דיא טהיר איז אפען, זיא איז פערמאכט גע־ווען.

— דאס האט דער ווינט געעפענט. מענשען האבען קיין אינטערעס דא ארינ־צודרינגען, און גייסטער לעבען נאר אין דער גייסטער וועלט, זייא ווילען מיט אונז מענשען ניט האבען צו טהאן.

שוויינענד האבען זיי וויעדער דיא קיך פערלאזען, און אין פאדער צימער־ריין געקומען, האט זיך האנכען געמוזט ליך זעצען, הענד און פיס האבען איהר שרעק געציטערט, און זיא האט אויף דיא פיס ניט געקענט שטעהן.

דיא גרעפין האט איהר געגעבען צייט זיך צו בערוהיגען און נאך דעם האט זיא געגנומען א שטול זיך צוגערוקט צו האנ־כען. דיא שטאלצע גרעפין האט יעצט פערגעסען ווער זיא איז און שמייכלענד האט זיא געזוכט דער יונגער מיידעל פיר זיך צו געווינען, איהר פלאן אויסצופיה־רען.

— מיין ליב קינד, האט דיא גרע־פין מיט א זיסען שמייכעל אנגעפאנגען, דוא וועסט זיך געוויס וואונדערן, דאס איך, און דערצו נאך אזוי שפעט בין צו דיר געקומען, אבער איך וויס, דוא זארגסט און שרעקסט זיך פיר דיין פאטער, איך האב אויך מיט דיין ארעמען פאטער מיט ליייד, און צו דיר בין איך גוט, און איך בין געקומען צו ליעב דעם געקומען, אום דיר א ידיעה פון דיין פאטער צו ברייננען וויא איהם געהט, און אויך —

א פערשטיקטער אויסגעשריי פון האנכעס מויל, האט דער גרעפין ניט גע־לאזט ווייטער ריידען, אין איין אנדער צייט וואלט זיך האנכען געוויס געוואונדערט און וואלט איהר אויפפאלענד געווארען, דיא שטאלצע גרעפין, איז פלוצלונג אזוי גוט געווארען, אזוי מיטליידענד. אבער איהר פאטער יעצט אבער אז זיא איז אזוי אייפגערעגט געוועזן פון דער [illegible]נונג פון דער ווייסער פרוי, און דערצו האט נאך דיא גרעפין איהר פאטער דערמאנט, האט זיא אלעס פערגעסען, זיא האט גאר ניט גערעכענט, גאר ניט געפרעגט, איהרע אויגען האבען זיך מיט טרערען אנגע־פילט, און אונגעדולדיג האט זיא גע־פרעגט :

— פון מיין פאטער ? א וויא געהט עס איהם — זאגט מיר, ער ליידעט גע־וויס שרעקליך, ער בענקט נאך מיר ? זאגט מיר, איך בעט אייך וועט ער באלד פריי זיין ?

— דאס לעצטע וויים איך ניט, מיין קינד, דאס ביי דעם קעניג אין האנד ! דאך וויים איך, דיין ארעמער פאטער ער־גערט זיך זעהר און בענקט נאך זיין קינד און דאס טהוט מיר זעהר לייד, ווארום דיין פאטער איז איין בראווער מאן און ער האט דיא שטראף ניט פערדיענט.

— אלזא נאר ביי דעם קעניג אין האנד, איז מיין פאטערס שיקזאל ? האט האנכען ביטערליך געוויינט, און איהר גלוי בעט ניט דאס דער קעניג וועט רחמנות האבען און מיין פאטער בעפרייען ?

— פיליכט יא, מיין קינד, האט דיא דיא פארנעהמע פרוי ערנסט געזאגט, און צוליעב דעם בין איך צו דיר געקומען, מיט דיר צו ריידען !

האנכען האט דער גרעפינס האנד מיט קוסען בעדעקט.

— גאט זאל אייך דאפיר בעלוינען, וואס איהר ווילט מיר מיין פאטער צוריק געבען, ווארום איך וועל לאנג ניט אויס־האלטען

— האנכען, ווען איך וועל זיך נעה־מען דיין פאטער צו בעפרייען — וועסטו מיר אויך א טובה ניט ענטזאגען ?

— אלעס פרוי גרעפין, אלעס ! זאגט אלעס וואס אין מיין קראפט איז, וועל איך טהאן ווען איך זאל נאר מיין ארע־מען פאטער צוריק האבען.

אין דיא אויגען פון דער גרעפין האט אויפגעבליצט און צו האנכען זיך צובוי־גענד האט זיא מיט א פערשטיקטע שטי־מע געזאגט:

— איך וויים אלעס, איך וויים אז דוא מיט דיין פאטער האבען אין יענעם אבענד דעם באראן פאן טרענק דא פער־בארגען, און דאס דיא פרינצעסין אמאליע איז אין דער זעלבער נאכט דא געוועזן, און האט זיך מיט טרענקע'ן געזעהן

האנכען איז בלייך געווארען און דיא גרעפין האט ווייטער גערעדט.

— איך וויים אויך, דאס איהר האט דעם באראן געהאלפען אנטלויפען און דאס ער האט דיר א וויכטיגען דאקומענט אנפערטרויט א שרייבען פון דער פרינ־צעסין אמאליע צו דעם באראן, אין וועל־כען זיא פערשפרעכט איהם צו הייראטהען.

— בארעמהערציגער גאט, ווער האט דאס אייך געזאגט ? האט דיא ערשראקענע האנכען געשטאמעלט, און האט פון שרעק ניט בעמערקט, דאס מיט איהר שרעק האט זיא אליין פערראטהען איהר שרעק היימניס, דיא יונגע מיידעל האט ניט גע־וואוסט, זיא האט דאס ניט געקענט וויסען ניט געקענט פערשטעהן, דאס דיא גרעפין שפילט דא מיט פרעמדע קארטען, און איז געגאנגען אויף זיכער, זיא האט געוואלט אויף זיכער וויסען צו דער דאקומענט גע־פינט זיך ווירקליך ביי דער מיידעל אין האנד, און האנכען אין איהר שרעק, האט איהר צו דייטליך געזאגט, דאס זיא האט זיך ניט גענארט און זיא איז אויפ'ן ריכ־טיגען וועג.

— פון וואנען איך וויים דאס ? האט די גרעפין רוהיג געלאכט, מיין גאט דאס איז דאך קיין געהיימניס ! דער בא־ראן טרענק אליין האט צו מיר א בריעף געשריעבען, און וועלכען ער בעט מיר, צו דיר צו געהן, און פון דיר דעם דאקו־מענט צוריק פאדערען, אום ער זאל קע־נענען דעם קעניג דאס איבערצייגען, און דאדורך זיך זיין פרייהייט צו קויפען, און דעסהאלב האט ער מיר געבעטען, איך זאל דיא פערמיטלונג איבערנעהמען !

ציטערענדיג מיט אלע גליעדער, און ניט קענענדיג איין ווארט אויסצוריידען פון איבערראשונג, האט האנכען זיך צוגע־הערט וואס דיא גרעפין האט איהר דער־צעהלט.

— און דיא פרינצעסין ? האט האנ־כען שטיל געפרעגט, פיר דאס יונגע קינד איז צו פיעל איין מאל שטירמיש אנגע־קומען, דאס ארעמע קינד האט קיין בע־גריף געהאט אין דיא אינטריגען פון הויף און האט קיין אורזאכע געהאט אין דיא גרעפינס רייד צו צווייפלען.

— דיא פרינצעסין ? — און א שפא־טישער שמייכעל האט געשוועבט ביי דער גרעפין אויף דיא ליפען — דיא פרינצע־סין קען נאר דאדורך גליקליך זיין, דיא נאכ־ריכט דאס דער באראן פאן טרענק איז פריי, וועט איהר געזונד מאכען, דיא פרינ־צעסין איז שווער קראנק, דאס ווייסט דוא און נאר מיט טרענקס רעטונג, מיט טרענקס בעפרייאונג קען זיא געזונד און גערעטעט ווערען

— דער באראן פאן טרענק וויים עס און דיא זארג פיר דעם לעבען פון דער געליעבטער, האט ער דיעזען בריעף צו מיר געשריעבען אום דאדורך פון קעניג בעגנאדיגט צו ווערען, און קוים איז ער פריי איז אויך דיא פרינצעסין געזונד.

— און דעם בריעף האט דער הערר באראן אליין געשריעבען ?

— געוויס, מיין קינד — ווילסט דוא דעם בריעף ניט לעזען ?

האנכען, וואס האט נאטירליך דיא האנדשריפט פון באראן קיין מאל געזעהן, און ניט געקענט, האט דעם בריעף גענו־מען, און אז זיא האט א בליק אויף דעם אונטערשריפט געווארפען, האט זיא מיט א שטומען דאנק דעם בריעף צוריק דער גרעפין איבערגעגעבען.

— זעהסט מיין קינד, האט דיא גרע־פין מיט א זיסע שטימע געזאגט, אויך צו ליעב דעם בין איך צו דיר געקומען, אום פון דיר דעם דאקומענט צוריק צו נעה־מען ! נאטירליך דארפסט דוא פון דעם פיר קיינעם ניט ריידען, דאס מוז אונזער סוד בלייבען. מיר ווילען יא ביידע נאר ניט נאר דעם עדעלען באראן רעטען, און דיא פרינצעסין ווידער געזונד זעהן.

— און דוא מיין קינד, זאלסט נאך א גאנץ בעזאנדערע בעלוינונג פיר דיין טריי־הייט און איבערגעבענהייט צו דעם בא־ראן און פרינצעסין, בעקומען — מארגען וועל איך ביי דעם קעניג פיר דיין פאטער בעטען, און מארגען זאלסט דוא דיין פא־טער ווידער זעהן !

מיט א פריידען געשריי איז האנ־כען אויפגעשפרונגען, און שלוכצענדיג פון פריידע און גליק איז זיא דער גרעפין צו דיא פיס געפאלען.

— יא, האט דיא גליקליכע האנכען פון פריידע און זעליגקייט געשטאמעלט, איהר זאלט דעם דאקומענט האבען, מיין גנעדיגע גוטע גרעפין, דער באראן אליין וויל עס און ער אליין האט עס שריפטליך געבעטען, מוז איך איהם דאס ווידער גע־בען און איך זאל מיין פאטער, מיין ליעבען זיסען פאטער ווידער האבען — א גאט, דיזע פרייד דיזעס גליק, — וויא פיעל, א וויא אונענדליך פיעל האב איך צו פערדאנקען !

האנכען האט איהר געוואלט דיא האנד קושען, דיא גרעפין האט עס אבער ניט געוואלט, זיא האט זיך אויפגעהויבען און האט פון איהר טאש א בייטעל מיט גאלד ארויסגענומען

— נעהם דאס, מיין קינד ! איך וויים דוא האסט א חתן און וועסט באלד הייראטהען, און דא וועסט דוא געפינען אויף דאס נייטיגסטע וואס דוא וועסט ברויכען און ניט אמת האט זיא מיט א ביטע־רען טאן ווייטער געזאגט, דוא וועסט דאך קיינעם ניט זאגען, דאס דוא האסט מיר דעם דאקומענט איבער געגעבען, אויך דיין פאטער ניט ?

האנכען איז דערציטערט געווארען, און מיט שרעק האט זיא דער גרעפין אנ־געקוקט.

— אויך מיין פאטער ניט ? אבער ווארום דען ניט — איך האב פיר מיין פא־טער קיין מאל ניט קיין סודות געהאט.

— אבער דיעזעס מאל, מוז עס א געהיימניס בלייבען, בערעכען זיך ם העננגט דאס גליק פון דער פרינצעסין, וועלכע דוא ליעבסט פון דיין שווייגען אפ, עס איז זעהר נייטיג, דאס קיינער זאל פון דעם ניט וויסען.

האנכען האט דער פרינצעסין זעהר געליעבט און אז זיא האט געהערט, דאס מיט איהר שווייגען וועט זיא דער פרינ־צעסין גוטעס טהאן, האט זיא אויך דיזעס נאכגעגעבען, און דאך האט זיך א שווע־רער זיפץ פון איהר ברוסט ארויסגעריסען.

(פארטזעצונג פאלגט)

ארדערט היינט—סיטי דיירי מילך
קאלעדזש 2040—21 פיינטס $1

ווענ'נ קויהלען און א סך היטץ. ווארום

ברענען א סך קויהלען ווען אין קענט סייפען קויהלען געלד ?

קויהלען קאסט יעצט איבער $8,00 א טאן — און יעדער קויהל איז געלד ווען מען ווייס ווי ארום צו געהן מיט פאוירנעס. קען א טאן קויהלען אנהאלטען אנדערהאלבען מאל אזוי פיעל, ווי ביי מענשען וואס ווייסען נישט ווי ארום צו געהן מיט א פאוירנעס.

קומט צו אונז, מיר וועלען אייך ציינען דאס בלויז פיר א קליינינקייט א מאנאט, קענט איהר סייפען קויהלען צייט און געלד. מיר קלינען און אטענדען אייער פאוירנעס, ווייל איהר שלאפט.

מיסטערס גאנגבאר, דער פראפרייעטער פון דער ניו יארק ווינדא קלינינג קאמפאניע איז א גוטע גאראנטיע, אז וואס זיין פירמע פער־שפרעכט ווערט עס פינקליך, ראיעל אטענדעט ווערדען.

מיר קלינען ווינדאס, ספעשעל אטענשאן ווערט געגעבען פיר דאבעל ווינדאס

מיר קלינען סטארס, אפיסעס און הייזער ווען נויטיג.

פרייזען רעגעלמיסיגע, זא דאס יעדער אידישע בעל הבית'טע קען עס ערפאדערען און אויסער דעם וואס עס איז די פליכט פון יעדען אידישען מאן אכטונג צו געבען דאס זיין פרוי און פאמיליע זאל רוהיג און גליקליך לעבען, איז אויך א געפאהר ווען א פרוי דארף קריכען אויף די לייטערס צו קלינען די דאבל ווינדאוס. מיר טהוען עס גערן ביליג און פינקט־ליך.

יעדערער דארף פאטראנייזען די איינציגע אידישע פירמע אין טא־ראנטא. פערגעסט ניט, דאס יעדער סענט וואס איהר גיט מיר, — מעהר ווי האלב געהט צוריק צו אידען.

שרייבט, טעלעפאנירט אדער שיקט אייערע קאללס צו :

New York Window Cleaning Co
1 ADELAIDE ST. E. Telephoue Main 7391
אדער צו מר גאנגבארס הויז, 120 דעניסאן עוו. פאן קאלעדזש 4319.

דער בעסטער סים

אז אדווערטייזמענטס אין „זשורנאל“ ברענגען גוטע רעזולטאטען איז דער פאקט. וואס ווער עס דארף אן אר־בייטער, ווער עס האט א ביזנעס צו פערקויפען, ווער עס זיכט א פארט־נער און ווער עס האט א הויז צו פער־קויפען אדער צו פערענטען — אד־ווערטייזט עס אויך דער.

וואנטעד פיידזש
— פון —
אידישען זשורנאל

גיט א קוק אויף די וואנט קא־לומס פון „זשורנאל“ און איהר וועט זעהען, אז מיר דרוקען יעדען טאג פיעל וואנט עדס. דאס איז דערפאר, ווייל דער „זשורנאל“ איז די איינציגע אידישע צייטונג, וואס ווערט גע־דרוקט אין אנטאריא, ווייל זי ער־שיינט גאנץ פריה, גלייך מיט אלע ענגלישע פייפערס און ווייל אן אד־ווערטייזמענט, וואס ווערט אונז גע־געבען ביי נאכט, ברענגט רעזולטא־טען גלייך איפ'ן נעקסטען פריהמאר־גען.

אז איהר דארפט ארבייטער, אז איהר ווילט פערקויפען א ביזנעס, אז איהר זוכט א פארטנער, אז איהר האט א הויז צו פערקויפען אדער צו פער־רענטען, אדווערטייזט עס אין "זשורנאל".

דער גרעסטער אנטיסעפטיק מוהל
און
דער מאָדערנסטער מסדר קדושין
אין טאראנטא.

איז
קאנטאר וואָלאדאווסקי
רופט מיך און איבערציינט אייך.

קאנטרי' לייט קענען מיך אויך אנגאזשי־רען פאר שמחות. מיין וואהנונג איז 62 בראנזוויק עוועניו, און מיין פאן נומער איז 1076 קאלעדזש.

פיר ארימע אומזאנסט.

Toronto Wet Wash Laundry
Company, Limited

פערלירט ניט אייער געלד און געזונד. ניט אונז אייער לאונדרי, מיר וואשען פאמיליע וועש.
דעמס 30 פונט — 75 סענט. ראפ טרוקען, 30 פונט, 1 דאלאר. יעדער וואשינג ווערט געוואשען בעזונדער.

291 ARTHUR STREET
Phone Parkdale 5280-5281

טאראנטאר אידען
סייפט 75 סענטס און איין דאלאר יעדע וואך! ביי מאכענדיג אייער לאנדרי ראפ דריי; אייערע העמדער און קאללארס לעבען לאנג און זעהען אויס קלאהר און שעהן ווען זיי ווערען אויסגעארבייט ביי עקספערטען אין ד

Taber Laundry Works
444 - 446 Bathurst Street
Phone College 5143, 8333

דר. מ. קייטס
דענטיסט
218½ קווין סטריט וועסט
קארנער קווין און מעקאל סטריט

DR. M. KATES, Dentist
218½ Queen St. West
Phone Main 979

דר. מ. פּיווניק
דענטיסט
קאר. קווין סט. און ספעדיינא עוו.
טעלעפאן ארעלייד 4067
באנק אף האמילטאן בילדינג

DR. M. PIVNICK, B. A. Sc.
Room 2.

פיר שמחות
ווען איהר מאכט א שמחה און דארפט ברענדים וויין אדער ביער, דאן קומט צו דער גוט בעקאנטער פירמא

דזש. וו. רייען
188 קווין סט. וועסט, פאן מיין 106
פולער ליין פון כרמל וויין און ברענדי אין סטאק
אלע ארדערס פינקטליך אטענדעט

פערלאנגט
פערלאנגט מענער צו לערנען דעם בארבער טרייד. עס פאדערען זיך איינינע וואכען בלויז. שטעלע גאראנ־טירט. טולס פריי. שרייבט פאר א קאטאלאג און איינצעלהייטען היינט. מאלער בארבער קאלעדזש 221 קווין איסט, טאראנטא.

The Moler Barber College
221a QUEEN STREET EAST

אברהם קאהען
באררסטער
נאטארי פאבליק
קאמישאנער פיר נעהמען
אפידייוויטס

Office, Sun Life Building
60 VICTORIA STREET
Main 2684
Residence, 7 Salem Ave. Junction 1546

חתן כלה
זאלען דאס נעהמען אין אכט!

מעררידזש לייסענס
קאן מען קריגען אין אפיס פון
„אידישען זשורנאל"

נאטיס!

דיא יעניגע וואס וועלען דא נעהמען זייערע מעררידזש לייסענס וועלען קריגען געדרוקט א שעהנעם בעריכט פון זייער חתונה. פריי

בענוצט זיך מיט דיזע געלעגענהייט!

אדרעס פון דעם זשורנאל

67 עליזאבעטה סטריט 67

די געלעגענהייט פון נוי אנטאריא

די געלעגענהייטען פון נארט אנטעריא

וויסט איהר די פיעלע געלעגענהייטען פון נארט אנטעריא מיט איהרע מיליאנען פרוכטבארע אקער לאנד אפפערט צו די יעניגע וועלכע ווילען זיך בעזעצען אויף'ן לאנד, ווייסט איהר דאס די זעלבע רייכע אגרי־קולטור לאנד וועלכעס מען קען דערהאלטען כמעט אין גאנצען פריי אדער פיר א קליינע סומע געלד, פראדוצירען שוין די בעסטע תבואה אין דער וועלט.

פיר ווייטערע אויסקינפטע, פיר ליטע־ראטור וועלכע בעשרייבט דעם איבענדער־מאהנטען געגענד שרייבט צו:

ח.א. מעקדאנעלדען
דירעקטאר פון קאלאניזאציאן
פארלאמענט בילדינג
טאראנטא אנטעריא

Christmas Appeal
FOR
The Hospital for Sick Children
COLLEGE ST., TORONTO.

Dear Mr. Editor:—

Thanks for your kindness in allowing me the privilege of appealing at this Christmas time on behalf of the Hospital for Silk Children, Toronto.

In the 40 years of the Hospital's existence there have been treated within its walls 26,108 children as in-patients; 231,768 as out-patients; a grand total of 257,876 in and out-patients.

The Hospital for Sick Children gives a province-wide service, for little patients from every section of Ontario have sought its aid. Last year 499 patients were admitted from 232 places outside the city of Toronto. In 1914 there were 394 from 210 places.

Of the 2,838 in-patients last year 1,771 were medical cases and 1,067 surgical. In the orthopedic department of the 2,838 in-patients, 264 were treated for deformities, 21 Pott's disease of the spine, 10 lateral curvature of the spine, 10 bow-legs, 57 club-feet, 17 dislocations of hip, 42 tubercular disease of knee, hip, ankle, wrist and elbow; 76 infantile paralysis, 8 wry neck, and 21 miscellaneous.

Our battle is never-ending—is one that will continue while the world lasts, for it is the fight between the armies of life and death, to save the child life, the sick little ones, sons and daughters not only of our soldier men, but of the fathers and mothers still in this home-land province.

The Hospital is beating back disease and death, the enemies that assail the lives of little children as the British Empire is beating back Germany, Austria and Turkey, the enemies that assail the life of liberty.

So we appeal to the generous people of Ontario not to forget those so near and dear to us, who lie in the beds and cots of this great charity.

Will the people at large, as of old, respond to our call? Will they remember that every year is a war year for the Hospital, every day a day of battle, and that the Hospital needs money, not for its own sake, but for the children's sake?

The Hospital has waged its war for forty years. The people of Toronto and Ontario have been its friend, and this year of all years it requires help. Surely you will give to a charity that cares for every sick child in Ontario, for only as your money reaches the Hospital can the Hospital's mercy reach the children.

Every dollar is a link of kindness in the chain of mercy that joins the money in your pocket to the miseries of some child's life, some mother's heart.

Remember that Christmas calls you to open the purse of your kindness to the Hospital that the Hospital may open the heart of its help to the children.

Will you send a dollar, or more if you can, to Douglas Davidson, Secretary-Treasurer, or

J. ROSS ROBERTSON,
Chairman of the Board of Trustees,
Toronto.

כשר'ע ווארשט בהשגחת הרבנים

אלע סארטען ווארשטען און פליישען געמאכט־פּעקטשורט אין מיין פעקטארי איז אונטער די השגחת הרבנים גארדאן, ראזענבערג וויינרעב, ליוואי, מיט א משגיח תמידי.

ווען איהר קויפט א. דאלגינ'ס כשר'ע ווארשט זייט איהר זיכער צו האבען די בעסטע סחורה אין מארקעט.

בעטראכט ד' פלאמבע מיט'ן נע־זיגעלטען טיקעט.

442 אדעלייד סטריט וועסט
טאראנטא

כשר ווארשט פעקטארי

איהר בעקומט ביי אונז אומער די נעשמאקסטע, פרישסטע און בעסטע סאסטדזשעס, ווארשט, סאַלאמא, פאסטראמא, צונגען און אלע סמוק פליישען און פיש.

פערלאנגט איבעראל טערדימאנ'ס כשר סאסטדזש מיט'ן רויטען לייבעל.

266 פארלאמענט סטריט

טעלעפאן מיין 909
ארדערס דעליווערט איבעראל.

הודעה מהרב מאיר צבי לעווי 108 באלדווין טעלעפאן קאלעדזש 6903.

איהר געפינט מיך צו יעדער צייט אין הויז צו ענטפערען אלע רבנישע ענינים דהיינו שאלות, דין תורות, עצות, טובות בין איש לאיש, אויך צו סעטלען אלער־ליי טראבעלס ביטווין מאן אונד פרוי נאכ'ן אידישען דין און אויף סדרי קדושין. ווארום זאלט איהר אין אזא שלעכטער צייט אוועק ספענדען אומזיסטע געלד אויף אלערליי נארישקייטען, ווען איהר קענט בעקומען חופה וקדושין ביי מיר אין הויז מיט די בעסטע צופרידענ־הייט, אפילו מערידזש לייסענס וועל איך אייך פערזארגען. נאט וועט אייך געבען א גוטען מזל אין מיין הויז.

קומט אין הויז, אדער טעלעפאנירט אויף דעם אויבענדערמאהנטען אדרעס.

יאנג מענס היברו אסאסיאיישאן.
125 בעווערלי סטריט

פארדינטען רומס פאר מיטינגס, באקס סאשיאלס און פארטיס

אונזער האלל איז איינגעפיקסט מיט אלע בעקוועמליכקייטען.

פרעגען פון 7 ביז 10 יעדען אבענד אין האלל אדער צום טרעזשו־רער מר. ס. זייד 205 ספּדיינא עוו. פאן ארעלייד 2897

מ. מ. דייוויס
פאבליק אודיטאר

אודיטינג, סיסטעמייזינג און אינ־וועסטיגיישאן.

350 קאלעדזש סטריט טאראנטא.
טעלעפאן קאלעדזש 7632

כשר און ביליג און גוט

איך מאך בעקאנט צו אלע מיינע קאסטומערס גראסערים און אייזקרים פּרלארס און דעליקאטעסען סטארס, אז אלע מיינע ווארשט ווערען פערקויפט ביליגער 2 סענט אויף דעם פונט אין קעש. און איהר בעדארפט ניט צאהלען פאר אייער געלד קיין אינטערעס. דאס זיינען די וואארעס: וואורשט, זויגערס קארענדביף, באלאניע

ארדערס דעליווערט איבעראל מיט דער גרעסטער צופרידענהייט

משה סאלקאוויטש, 694 ריטשמאנד סטריט וועסט. טעלעפאן ארעל. 1559

עמנואל קענען

דארפט איהר פייער לייף־עקסידענס און פליים גלאס אינשורענס? דאן קומט צו אייער אלט בעקאנטען דער איינציגער אידישער אינשורענס אגענט וואס שרייבט פייער פאליסעס

י. ע. קענען

פאר דער קאנטינענטעל אינשורענס קאמפּאניע און אנדערע בעריהמטע און זעהר פאפולארע קאמפאניעס וואס קאנסלען ניט קיין אידישע ביז־נעס, מעררידזש לייסענס, סיטיזען פייפערס און אנדערע אזעלכע דאקו־מענטען ווערען געמאכט ביליג און פינקטליך.

קומט צו מיר אין אפיס.
24 טאראנטא סטריט. טעל. מיין 4711

חזן מאנאוויץ
מוהל ומסדר קדושין

אלע ווייסען שוין איבערציינט אז ער איז א קינסטלער א מוהל, און מסדר קדושין.

רופט איהם און איבערציינט זיך

אדרעס 233 בעווערלי סט. טעלעפאן קאלעדזש 2033.

פלאצק אונטער דייטשער הערשאפט

„די רוסקאיע סלאווא" מעלדעט:—

נאך פיעלע מאטערנישען און שווערינ־קייטען איז איינעם א סוחר געלונגען אנט־לויפען פון פלאצק און אנקומען נאך מאס־קווא.

ער ניט איבער שרעקליכע איינצעלהיי־טען וועגען דער דייטשער הערשאפט אין פלאצק.

איינוואוינער זענען אין פלאצק פער־בליבען 12 טויזענד. אנגעקומען זענען נאך 8 טויזענד דייטשע סוחרים וועלכע האבען פערנומען דעם גאנצען האנדעל פון דער אידישער און קריסטליכער בעפעלקע־רונג.

כמעט אלע ארבייטס־פעהיגע און קרי־געס־פעהיגע מענער זענען אוועקגעשיקט געווארען נאך דייטשלאנד, אדער צום פראנט אויף ארבייט.

דער פעוואלטער פון פלאצקער גובער־ניע איז גענעראל פאן־ענצעלער. זיין גע־הילף איז פאן־זאכערס, און ציווילער סעקרעטאר פאן־קראפט.

דער פערוואלטער פון פלאצקער גובער איז לייטענאנט באראן פאן וויים; פון ציעכאנאוו — ראזענבערג; פון מלאווע — מילקע; פון פראסניש — פאן לאנג; פון ריפין — פאן־ענגעל, און פון שירעפץ —בארקסעוויקס.

דער פלאצקער מאגיסטראט בעשטעהט פון 24 מיטגליעדער: 10 פאליאקען, 8 אידען און 6 דייטשען.

סעפריט דים סיסטעם

די וויליאמס

קארטיידזש און סטארידזש קא.
טעלעפאן קאלעדזש 252

דזשענעראל קארטיידזש איידזשענטס 368 ספעדיינא עוו. טאראנטא, אנט. באגאזש, פיאנאס און אלע סארטען פארניטשור געמופט און געסטארד. שטוב זאכען געפאקט און געשיפט ביי עקספערטען. וואגאנס צו רענטען צו 1 דאלאר 25 סענט א שטונדע. ווערהייזער: 551 קווין סטריט וועסט צונגערעקטע וועגען. פלעזשור טריפס.

ל. י. רעדפערן

פארם
צו ביליגע פרייזען ביי ב. גאָדמאן 382 פארלאמענט סטריט. פאקס, מינק סעטס און זא ווייטער. טעלעפאן מיין 6092

Real Estate
ריעל עסטייט

צו פערדינגען צו איין גוטען טענענט א הויז פאר דעם ווינטער ביליג 49 עלי־זאבעט סטריט מיט א סטייבעל איך וועל האלטען ווארעס. נאכפרעגען האלגרייווס ליוועריי 11 גריינדזש עוו. פאן קאלעדזש 4953 קיין אפער צוריקגעוויזען.

4445 12—18

א וואש מאשין וואס ארבייט אליין מיט'ן קראפט פון וואסער וועט פערקויפט ווערען זעהר ביליג, האט געקאסט 25 דאלאר.

נאכפרעגען 9 ראזבערי עוועניו, נעבען וועסטערן האספיטאל.

א הויז צו פערדענגען 45 דיפא 7, רומס און באטה פאסענד פאר צוויי פא־מיליעס, 2 ספעפערעט גאז מיטערס ביליג רענט 11 דאלאר א מאנאט.

זיך נאכפרעגען אין 43 דיפא סטריט

4465—12—15

פיינטער און פייפערהענגער.
איך פייפער אדער פיינט א רום פאר 2 דאלאר. ז. דעמבסקי 33 באלדווין סטריט.

4437—12—12

ווער עס וויל קויפען א פארם אדער טשענדזשען פאר סיטי פראפערטי זאל זיך ווענדען צו

מ. סעקס עקטאן אנט.

M. SAXE, ACTON, ONT.

4424—3—1

פיינטינג און פייפערהענגינג.
מיר פייפערען אדער פיינטען פאר צוויי דאלאר א רום.
האפמאן און קא. 183 מיקאל סט.

מאנופעקטשורינג פלעט צו פערדענגען אין 569 קווין סטריט וועסט, סטימ היט ליכט פון פיר זייטען, עלעוויטאר, ביליג רענט. פרעגען ל. ראטענבערג און סאנס 141 קווין סטריט וועסט, טעלעפאן אדעלייד 675.

4459—12—10

פלעט צו פערדענגען סעפערעט גאז מי־טער, מיט סטיעם היט, ביליג רענט.
99 מיידזשאר סטריט.

4429—12—10

הויז צו פערדענגען 185 מארקהאם סט. מיט אלע קאנוויניענס, 15 דאלאר א מא־נאט.

זיך נאכפרעגען אין 156 טעראלי סט. אדער טעלעפאנירען אדעלייד 3091 ערענבאום

4471—12—12

3 רומס צו פערדענגען אלע קאנוויני־ענס ביליג רענט. 110 ליפינקאט סטריט

4466—12—11

דער הויפט מאגיסטראט איז דער ביר־גערמייסטער דאקטאר פיוואצקי; זיין געהילף — דער איד קלייפעלד.

די בעציהונגען פון דער דייטשער אדמיניסטראציע צו די איינוואוינער איז זעהר א שטרענגע.

קיינער טאר די שטאדט ניט פערלאזען אהן אנ'ערלויבעניש פון גיבערנאטאר

אם שרעקליכסטען ליידען די פלאצקער איינוואהנער, פון די ברוטאלע מעשים פון ציוויל סעקרעטאר, געהיים־ראטע, קראפט — א גרויסער שכור און א כאבארניק.

דיזער דייטשער אדמיניסטראטאר איז אימער שכור קיינער האט איהם נאך ניכטער ניט געזעהען ביי דער קלענסטער געלעגענהייט רייסט ער זיך אריין מיט סאלדאטען אין די הייזער און געשעפטען, שלאגט און ארעסטירט וועמען ער טרעפט אן, און זעצט איין אהן א שום געריכט.

איבערהויפט איז ער א ניט בעשטראפ־טער פרויען־שענדער. פיעלע פרויען, מיידלאך און קליינע קינדער האט דער ברו־טאלער אדמיניסטראטאר געשענדעט זינט ער איז אנגעקומען אין פלאצק. לעצט־ענס האט ער געשענדעט א 12 יעהריגע אידישע מיידעלע; האט איהם די מוטער אין מיטען גאס געגעבען א פאטש אין פנים, דערפאר האט מען זיא פער'משפט צו טורמע אויף 3 יאהר

דער הינער אידישער גאלדשמיטה וואל־אנסקי, האט שוין מעהר ניט געקענט איבער טראגען פון קראפט'ס מעשים. קראפט האט זיין פרוי געשענדעט, און פון זיין גאלד־געשעפט צוגענומען די שעהנסטע און קאסטבארסטע זאכען, ער האט איהם אין גאנצען פערארימט, וואלאנסקי האט גע־מאכט אויף קראפט'ן אן אטענטאט און איהם פערוואונדעט. מען האט איהם פער־משפט צו הענגען נאר ער האט זיך אליין געהאנגען אין טורמע.

דעם ערשטען סעפטעמבער איז אויף דער קאלאניאל־גאס פר'ברענט געווארען א מיליטערישער סקלאד. דייטשע סאלדא־טען און פראסטיטוטקעס האבען דארט אזוי לאנג געשכור'ט, ביז זיי האבען דעם מאגאזין אונטערגעצונדען.

פיעלע מענשען ווערען אונשולדיג פער־משפט פאר שפיאנאזש. לעצטענס זענען 10 מענשען איינגעהאנגען געווארען

ארבייטער פערלאנגט

צוויי אינטעליגענטע יונגע לייט קעננען האבען א געלעגענהייט צו מאַ־כען א גוטען לעבען — א אויסערגע־וועהנליכע פראפאזישאן אפערירט ביים „זשורנאל". — זיך מעלדען פער־זענליך צווישען 5 און 6 מאנטאג אוונד, אדער שרייבטליך. — מוז האָ־בען עקספּיריענס צו קאנוועסען.

אנטאריא דרעס און קאפ קא.
פערלאנגט עקספיריענסד לויידס אפּ־רייטערס צו לוידס און קינדער דרעסעס. נאכפרעגען 344 קוין סט. וועסט.

4394—6—11)

פערלאנגט א פרוי אין אן אנשטענ־דיגער פאמיליע, גוט ווידזשעס צו אטענ־דען א קראנקע פרוי.

12 גרענדזש עוועניו,

4446—12—16

פערלאנגט א פינישערין צו קאסטום ארבייט. נאכפרעגען 201 באטהורסט סטעדי ארבייט.

4436—12—8

א דאבל פארלאר צו פערדענטען, ביליג און א הויז מיט אלע קאנוויניענס אין 177 יארק סטריט

4438—12—8

פערלאנגט א שניידער צו סעקאנד הענד קלאדינג.
261 סענטער עוועניו

4447—12—9

נייעס פאר די וועסט ענד אידען!

אזוי ווי איך איז בעקאנט, דער אלטער גראסערי מאן, האט ווידער געעפענט די גראסערי. אין 28 דאנדאס און ער בעט זיינע פריינדע און קאסטומערס ניט צו פערגעסען מיך. איהר וועט קריגען די בעסטע סחורה צו די ביליגסטע פרייזען. סעם דזשייקאב 28 דאנדאס סטריט

4439—12—8

פערלאנגט א מיידעל אדער א פרוי פאר הויז ארבייט פרעגען אין 34 קאר סטריט.

4463—12—10

פערלאנגט אן ארים האלל בייסטער און פינישער און אן בושלער צו מענער רעק. פרעגען מר ראזמינסקי 206 אדעלייד וועסט.

4454—10—11

פערלאנגט א מיידעל צו הויז ארבייט ביי א קליינע פאמיליע, גוטע ווידזשעס. פרעגען 432 יוקליד עוועניו.

4455—12—19

פערלאנגט אן ארמהאל סוירטשער צו מענער רעק.
פרעגען 323 קינג סטריט וועסט

4456—12—10

פערלאנגט א יונגע מיידעל אויפצו־פאסען אויף א בייבי, א גוטע היים, שרייבט צו ס. ל. דייווים לאנדאן, אנטעריא

ל. ברייטשטיין

ספעציעלער אידישער רעפרעזענטאט
— פון די —
סינגער סאוינג מאשין קאמפאני
ברענטש אפיס 614 קאלעדזש
טעלעפאן קאלעדזש 8531
אלערהאנד מאשינען און סיפליים
קעש אדער אבצאהלונג

עקספרעסען און שווערע וועגענס.
ווי אויך פוירסט קלאס קערידזשעס פיר חתונות צו רענטען. פרייזען פון 1.00$ ביז 1.75$ יעדער. ספעשעל פרייזעס פיר לויות.
האלגרייווס ליוועריי 11 גרענדזש עוו.
פאן קאלעדזש 4953.

דער אלט בעקאנטער טיטשער מאריס גראפשטיין

איז יעצט אין דעם שעהנעם, אנגענעהמען און ליכטיגען בראדוויי האל 450 ספעדיי־נא עוו. (ארום קאלעדזש)

לעסאנס ווערען געגעבען מאנטאג, דיענסטאג און דאנערשטאג פון 8 אווענדס ביז 10,30 פון אאויסגעצייכנע־טען סטאף לעהרער און בעסטען יוניאן ארקעסטער.

אלע זענען ווילקאמען!

פרייוו וואלץ, און פריוואטע לעסאנס ווערען געגעבען אונטער מיין איינענער יפזיכט.

מאריס גראפשטיין, פראפרייטאר.
טעלעפאן קאלעדזש 17

בעקאנטמאכונג
רעוו. קאפלאן

איז בעוואוסט פאר די לעצטע 10 יאהר אין טאראנטא און איז בערעכטיגט פון יעדען איינעם פאטראניזירט צו ווערען.

אלע ווייסען ווארום קיינער קען ניט אבלייקענען אז חזן קאפלאן איז דער בעס־טער מוהל און שעהנסטער מסדר קדושין דארום ווען איהר דארפט א מוהל אדער מסדר קידושין פארגעסט ניט די אד־רעסע 166 דזשאהן סטריט אדער טע־לעפאנירט אין הויז ארעלייד 1545 ווי אויך אין שיפּס קאנטאר ארעלייד 239.

רעוו. מ. קאפלאן
מוהל ומסדר קידושין

איך גיב מעררידזש לייסענס פריי.

פאטראניזירט די איינציגע אידישע — ווינדא קלינינג קאמפאני —

מיר אטענדען צו אלער־האנד הויז, פעקטארי, אפיסעס און סטרד קלי־נינג. בעסטע ארבייט צו די ביליגסטע פרייזען. מיר מאכען קאנטראק־טען מאנאטליך און יעהרליך. טעלעפאנירט 1 ארעלייד סטריט איסט פאן מיין 7391. ביי־נאכט און זונטאג טע־לעפאנירט קאלעדזש 4319.

NEW YORK WINDOW CLEANING COMPANY, - I ADELAIDE EAST

CANADIAN GOVERNMENT RAILWAYS
INTERCOLONIAL
PRINCE EDWARD ISLAND RY
באנעווענטשור יוניאן דעפא. מאנטרעאל.

אושען לימיטעד	גנעהט אב 7.25 נאכמיטאג	מעגליך

מאריטים עקספרעסס
טעגליך, אויסער שבת. 8.15 מארגענס סליפערס פאר דער גאנצער רייזע.
מאסטרפא, און האליפאקס
קאנעקשאן פאר סיינט דזשאהן, די סידנים פרינס עדווארד איילענד, ניופאונדלאנד.
ע. טיפין דזשענעראל וועסטערן איידזשענט 51 קינג סטריט איסט, טאראנטא. מיין 554

די פּראזי סטארעדזש און קארטעדזש קא. לימיטעד

הויפט אפיס 323 קאלעדזש סטריט
טעלעפאן: קאל. 386. מיין 5237
סעפאריייט רום סיסטעם פאר האלטען פארניטשור
אויסגעבעטע וועגענס, גוטע און אויס־גערעכענדע מעגליכקייטען צו מופען אדער סטארינג הויז זאכען און סחורה, עקספערט פעקערס, באגאזש טשעק די אלע פעקינג מאטיריאלס בעזארגט. גוטע בעהאנד־לונג און ביליגע פרייזען.

ווארשאווער אקושארקע
ענע ראמאנאווסקי
233 סימקא סטריט
טעלעפאן ארעלייד 1543

א קצור פון די נארטה וועסט לאנד געזעצע.

דער עלטערער פון דער פאמיליע אדער עני מאן איבער 18 יאהר אלט, וועט קענען בעקו־מען א פערטעל אבטהיילונג פון דאמיניאן לאנד אין מאניטאבא, סאסקאטשעוואן, אדער אלבערטא.

דער פערשלאג דארף געמאכט ווערען אין די דאמיניאן לענד איידזשענסי אדער סאב איידזשענסי פון דיסטריקט. אן אפליקיישאן קען געמאכט ווערען אין אפיס פון לאקאל איידזשענסי פון דאמיניאן לאנד (ניט סאב אגענט) אויף געוויסע קאנדיציאנען.

פליכטען — 6 מאנאטען אויף באוואוינען די לאנד אין יעדע דריי יאהר. א הויז בעזיצער קען וואהנען 9 מייל ווייט פון זיין פלאץ אויף א פארם פון ניט וועניגער ווי 80 אקער לאנד אויף געוויסע קאנדיציאנען. א הויז איז נויטווענדיג אין יעדען פאל סיידען ווען דערוואהנונג איז אויפ'ן זעלבען פלאץ.

אין געוויסע דיסטריקטען א האמסטי־דער וועלכער איז אין גוטע אומשטענדען קען קריגען א פערטעל האמסטעד ארום זיין פלאץ פיר דעם פרייז 3 דאלאר א אקער.

פליכטען — 6 מאנאטען וואהנען אויף'ן פלאץ אין יעדע זעקס יאהר ווען די האמסטעד געהט אריין אין קראפט (שוין אריינ־רעכענענדיג די צייט פון דער ענטרי) 50 אקער עקסטרא פיר בעארבייטען די צייט פיר קול־טיווירען איז אבהענגיג אין קיום און אומ־געפינען דא דער פלאץ איז א זאמדיגער אדער א שטיינענדיגער נאכדעם ווי רעקארדער צו האמסטעד אונטערקטאר.

א פארמער וועלכער האט בעארבייט זיין פארם און האט פון איהר קיין רעזולטאטען קען נעהמען לאנד אין וועלכען דיסטריקט ער וויל פאר 3 דאלאר אן אקער.

פליכטען — מוז זיצען 6 מאנאטען אין יעדע 3 יאהר בעארבייטען 50 אקער און אויף־בילדען א הויז אין ווערטה פון 300$.

וו. וו. קארי.
דעפיוטי מיניסטער אף אינטעריאר

נ. ב. ניט אויטאריזירטע פובליקאצי־יעס פון דעם אדווערטייזמענט וועלען ניט בעצאהלט ווערען.
— 67088

י. ראזען
האט געמופט פון 30 ראבערט סטריט אין 271 אויגוסטא עוו. טעלעפאן מיין 4582.

1915 9־טער דעצעמבער

NewYork
1 ADELAIDE S
קאלעדזש 4319.

THE DAILY HEBREW JOURNAL

H. WINBERG, Pres. & Gen. Mgr.

The Only Daily Jewish Newspaper in the Province of Ontario

PUBLISHED BY

— CANADIAN JEWISH PUBLISHING CO., LTD. —

67 Elizabeth Street Telephone Main 4582

SUBSCRIPTION RATES: $3.50 PER YEAR

SINGLE COPY 1c.

Entered as Second Class Mail Matter at G.P.O. Toronto, Ontario January 22nd, 1913

110

צום פאלקס פערבאנד

מען פרעגט אונז פון פיעלע זייטען, ווארום מיר האבען אויסגעקליבען די ברויט-פראגע, און שענקען איהר מעהר פלאץ ווי די איבעריגע עהנליכע פראגען.

פאר דיעזע פראגע-שטעלער האבען מיר איין ענטפער. מיר האבען אויפגענומען די ברויט-פראגע, ווייל ברויט איז ניט קיין לוקסוס ארטיקעל, נאר א נויטווענדיגקייט, און ווייל די היכע פרייזען פאר דעם קומט אויס צו טראגען, ניט יענע וועלכע קענען דערפאדערען צו צאהלען היכע פרייזען, נאר די ביי וועמען די קינדער מוזען אפט בלייבען הונגעריג, די לוין-שקלאפען, ביי וועמען די הוצאות אויף ברויט, זענען די וויכטיגסטע פון זייער בודזשעט.

און צוליעב נאך א פונקט האבען מיר אויפגענומען די ברויט-פראגע. אויב אן ארטיקעל ווערט טייערער, שטייגט אין פרייז, שטייגט ער פאר אלעמען גלייך, און אלע וועלכע ווילען עס געברויכען, מוזען צאהלען דעם טייערען פרייז.

שענקט מען אבער מאנכע "לגאטעס", וועלכע בעפרייען זיי פונ'ם היכען פרייז, איז עס א סמן, אז עס איז אין גאנצען ניט געווען קיין נויטווענדיגקייט צו העכערען די פרייזען. נאר אז מען האט זיי געהעכערט צוליעב מאכען גרעסערע פראפיטען אין ווי אזוי עס לאזט זיך נור אזוי האנדלען טאן.

וואלטען די אידישע בעקער באסעס באמת ניט געקענט פערקויפען ברויט ביליגער ווי זעקס סענט, דאן וואלטען זיי קיינמאהל ניט פערקויפען צו די פאליאקען צו פינף סענט, און פערלירען דערביי געלד. טהוען זיי עס אבער יא, איז עס שוין דער שטארקסטער בעווייז, אז אפילו צו פינף סענט קענען זיי אויך, נאר ווייל עס האט זיי זיך איינגעגעבען דורך א "טראסט" צו קענען רייסען העכערע פרייזען, טהוען זיי עס.

הערט אבער א געשריי אויפגעהויבען ווערען געגען דיעזער אונרעכט, געגען דעם ספעציעלען אידישען סענטימענט "טעקס", און די "בעקער באסעס", וועלען פאר זיך דערזעהן די געפאהר צו פערלירען "טרייד", וועלען זיי געצוואונגען זיין צו שענקען די אידען גלייכבערעכטיגונג, און זיי פערקויפען ברויט צום זעלבען פרייז, ווי צו די פאליאקען אדער אין דזשאנקשאן.

פרייוויליג, וועלען זיי עס געוויס ניט טהאן, מען מוז עס פון זיי פאדערען.

וועלען די אידישע פרויען פאדערען ברויט צו א ביליגערען פרייז, וועלען זיי עס בעקומען, ווייל די אידישע בעקער באסעס, וועלען מוזען נאכגעבען. עקשנות פיהרען, וועט הייסען, אז זיי גראבען פאר זיך אליין א גרוב.

די קריסטליכע בעקערייען האבען שוין פון לאנג אן אויג אויף'ן אידישען טרייד, און זיי וועלען געוויס אויסנוצען די געלעגענהייט. וועט עס אבער קומען אזוי ווייט, וועט עס מיינען, אז אריבער הונדערט אידישע פאמיליען וועלען בלייבען ברויטלאז אין די אינטערעסען פון די אידישע בעקער וועט דארום זיין, ניט צו פיהרען קיין עקשנות'דיגען קאמף, נאר ביי דער ערשטער איינפאדערונג, וועלען זיי, אויב זיי בעזיצען נאר געזונדען פערשטאנד, איינזעהן, אז עס לוינט זיך פאר זיי נאכצוגעבען.

וואס שנעלער די בעקער וועלען אויפגעפאדערט ווערען עס צו טהאן, אלץ לייכטער וועט עס זיין עס אויסצופיהרען.

וועט אבער די פאדערונג צו זיי געשטעלט ווערען?

דער היגער אידישער עולם דארף ענטפערען, צו ער וויל האבען אויף זיך א ברויט טראסט, וועלכער זאל איהם אזוי שענדליך עקספלאטירען, אדער ניט.

מען מוז פאדערען

מיט רעש און מיט שטורם איז אין קענעדער אידישען לעבען די קאנווענשאן אידעע געבוירען געווארען. פיעל האט זיך ארום איהר געטומעלט. פיעל האפנונגען האט מען אויף איהר געלעגט, און ניט ווייניג מחלוקת האט זי פערורזאכט, א מחלוקת א גערעכטע, א מחלוקת וועלכע האט אויסגעצייגט, ווי אזוי די קאנאדער אידען זענען צוטהיילט.

וואס איז אבער פונ'ם גאנצען רעש און שטורם געווארען?

עס האט זיך אבגעטומעלט, און אלעס איז ביים אלטען געבליבען, אלעס איז געבליבען ביים פריהערדיגען צושטאנד ווי געווען.

פריהער איז וויניגסטענס נאך די געזעלשאפטליכע מיינונג דערוועקט געווארען פאר דער זאך, און זי איז געוועזען ארומגענומען פונ'ם ווילען נאך טהעטיגקייט.

יענע ערוואכונג איז שוין אבער פון לאנג פאראיבער, און די אידישע עפענטליכע מיינונג איז יעצט אזוי ווייט פון טהאטען, פון בעגרייפען זיי אפילו, ווי מיט א יאהר צוריק, איידער די לאזונג פון א קאנווענשאן איז נאך געווען.

דער פאלקס-פערבאנד, וועמענס צענטראלע איז אין מאנטרעאל, האט דעם מאמענט ניט אויסגענוצט. אנשטאט, צו שמידען דעם אייזען, כל זמן, ער איז געווען הייס, האט ער אין גאנצען אויפגעהערט ארויסצוצייגען א סמן פון לעבען, און עס ווייזט אויס, אז ער וויל האבען א בנשיקה'דיגען טויט.

מיט ווערטער קען מען קיינמאל ניט אויפהאלטען קיין בעוועגונג און ארגאניזאציע. בלויז טהאטען קענען צוזאמענבעהעפטען מענש צו מענש, און שאפען פון זיי א מאכט. און כל זמן די קענעדער אידען, האבען נאך געהאפט, אז עס וועלען זיך ענדיגען די רייד, און זיך אנהויבען די טהאטען, זענען זיי פאראינטערעסירט געווען, זענען זיי דער זאך איבערגעגעבען געווען.

וואכען געהען אבער, און עס זעהען זיך ניט קיינע שפורען, אז מען זאל זיך נעהמען עפעס טהאן, און זייער אינטערעס ווערט דארום פערקלענערט.

ווייל דער פאלקס-פערבאנד ניט דערגרייכען די שטופע פון ניל, וויל ער באמת שפיעלען א ראליע אינ'ם קענעדער אידישען לעבען, מוז ער צייגען, אז ער קען חוץ ריידען אויך טהאן.

ביינאהע א מאנאט איז שוין פאראיבער, זייט קיין סמן פון טהעטיגקייט זעהט זיך ניט אן, און דאס אין א צייט, ווען מען האט אממעהרסטען ערווארטעט די טהאטען.

אפילו, ווי אזוי מען בעדארף זיך ציהען צום שלום, צי קען מען און איהם גלויבען, צי דארף מען ארבייטען האנד אין האנד מיט די קאמיטעטען פון יענעם צד, אפילו וועגען דיעזע קלייניגקייטען, האט דאך ביז היינטיגען טאג דער פאלקס-פערבאנד ניט געקומען צו קיין שטעלונג.

לאנג אזוי אנגעהן קען עס דאך ניט. זאל דער פאלקס פערבאנד, אויב עס איז נאך ניט צו שפעט, איינזעהן די טעות'ן וועלכע ער האט געמאכט, און זיך נעהמען צו טהאטען.

אויף זיין ווארט, ווארט א גרויסער טהייל פונ'ם קאנאדער אידענטהום.

די מלחמה און איהרע רעזולטאטען

פון מאריס געלמאן

"א שטימע הערט זיך אין אלע ווינקעלאך, א קלאג און א ביטערער געוויין, רחל בעקלאגט איהרע קינדער זי לאזט זיך ניט טרייסטען וועגען זיי, ווייל זיי וועלען שוין מעהר ניט זיין מיט איהר."

ווייט אוועק אין דער פערגאנגענהייט, דורך די אלע יאהר-הונדערטע, הערט זיך אט די קלאגענדע שטימע, אט די שטימע וועלכע דערמאהנט אונז אן דער שטארקייט און איבערגעבענהייט פון דער עווינער מוטער-ליעבע.

דער נביא פון די אלטע צייטען האט געטרייסט רחל'ען און האט איהר צוגעזאגט, אז איהרע קינדער וועלען זיך נאך צוריקקעהרען פון דעם פיינדס לאנגער, אבער היינט צו טאג זיינען דא מיליאנען מוטערס, אין אלע ווינקעלאך פון דער וועלט, וועלכע טרויערען אויף זייערע קינדער, וועלכע זיינען פון זיי אוועק און וועלען זיך שוין קיין מאל צו זיי ניט צוריקקעהרען.

און ניט נאר מוטערס אליין, נאר מיליאנען פון יונגע פרויען, וועלכע זיינען געווען געליעבטע פון די, וועלכע ליגען יעצט צוריסענע, צובראקעלטע אויף די שלאכטפעלדער פון אייראפא, קלאגען נאך זייערע בראווע מענער און געליעבטע, וועלכע וועלען זיך שוין קיין מאל ניט צוריקקעהרען, און נאך די קינדער, וועלכע האבען קברים געפונען.

דער פערלוסט פון יונגע מענער אין דייטשלאנד איז שוין אזוי גרויס, דאס א קאנגרעס איז צוזאמענגערופען געווארען צום בעטראכטען מיטלען וואס עס קען געטהאן ווערען פאר די יונגע פרויען וועמענס מענער און געליעבטע עס זיינען געפאלען אין דער מלחמה, אדער וועלען קומען צוריק קריפעלס, וועלכע וועלען שוין זיין ניט פעהיג צום הייראטהען. די רעדנער אויף דעם קאנגרעס האבען אלע אפעלירט צו די טויזענדער אומגליקליכע פרויען, אז זיי זאלען אויסקלייבען א פראפעסיאן אין וועלכער זיי זאלען זיך פערפאלקאמען און מאכען דאס צום זייער אינטערעס אין לעבען. אלע האבען איינגעזעהן און האבען צוגעגעבען, אז די מעגליכקייט פאר פרויען צו הייראטהען איז געווארען פיעל קלענער צוליעב דער פערוויסטונג פון דער מלחמה, אבער שטארקע אפילס זיינען געמאכט געווארען צו די פרויען, וועלכע האבען שוין אויף אייביג פערלארען די מעגליכקייט ווען צו הייראטהען, אז זיי זאלען ניט אבפאטער'ן זייער לעבען אין בעוויינען און בעקלאגען זייער שיקזאל, נאר זאלען מיט'ג אננעהמען מיט זייער אלטעגליכער בעשעפטיגונג און העלפען דאס לאנד מיט אלעס, נאר וואס זיי קענען. זיי זיינען אויפגעפאדערט געווארען, דאס אנשטאט צו זיצען און בעקלאגען זייער שיקזאל, אנשטאט צו בעוויינען זייערע צוברעכענע און פערלארענע האפנונגען, זאלען זיי אויפבויען נייע האפנונגען און שטעלען זיך א נייעם ציעל אין לעבען און ארבייטען פאר דעם אלגעמיינעם נוצען פון פאלק.

זעהר בראווע, קלוגע און נוצליכע רעדעס, דאס איז נויטיג ניט נאר אין דייטשלאנד, נאר אין יעדען לאנד, וועלכע איז בעטרויבט געווארען פון איהרע בעסטע און בראווסטע זיהן. אבער ווי וויכטיג די רעדעס זאלען ניט זיין, מוזען מיר צוגעבען, אז דער נייער ציעל וואס דאס זאל ניט זיין, וועט פאר פיעלע זיין פיעל ווייניגער וויכטיג ווי צו טרויערען אין האפנונגען וואס זיי האבען געהאט וועגען א היים און וועגען געליעבטע.

פון דעם ערשטען יאנואר אן זיינען אזוי פיעל מענער אויסגעהרג'עט געווארען, דאס אין דייטשלאנד אליין זיינען פינף הונדערט טויזענד פרויען געצוואונגען צו געהן אין די פאבריקען און פארנעהמען די פלעצער און טהאן די ארבייט פון די מענער. אזוי גרויס איז געווען דער פערלוסט פון די נוצליכע מענער, דאס טויזענדער פון די פרויען וועלען שוין אויף אייביג זיין געצוואונגען אויסצוגעבען זייער לעבען אין די פאבריקען.

מען רעכענט אז ביז צוויי מיליאן מענשען זיינען שוין גע'הרג'עט געווארען אין דער יעצטיגער מלחמה, צו זיי מעג מען אויך צורעכענען ביז א מיליאן מענער וואס זיינען אזוי פערוואונדעט געווארען, דאס זיי וועלען שוין מעהר ניט קענען נעהמען קיין אנטהייל אין דעם אינדוס-טריעלען לעבען פון לאנד. און די מלחמה איז נאך ווייט ניט צו ענדע. טויזענדער און טויזענדער וועלען נאך גע'הרג'עט ווערען. עס וועט זיין ניט איבערגעטריבען, ווען מיר וועלען זאגען, דאס ביז די מלחמה וועט זיך ענדיגען, וועלען מעהר ווי א פונפטעל פון אלע יונגע, פעהיגע מענער פון די מלחמה-האלטענדע לענדער ווערען אויסגעשלאכטעט, אדער וועלען שטארבען אין האספיטעלער פון זייערע וואונדען.

איידער די מלחמה האט אויסגעבראכען זיינען אין דייטשלאנד געווען פרויען טויט א הונדערט טויזענד מעהר ווי מענער און ווען די מלחמה וועט זיך ענדיגען וועלען דארט זיכער זיין מיט צוויי און א האלב מיליאן פרויען מעהר ווי מענער.

אין עסטרייך, ענגלאנד און פראנקרייך איז די לאגע א האר ניט פרעהליכער. מען רעכענט, אז ביז יעצט זיינען שוין די מלחמה און איהרע רעזולטאטען אין פראנקרייך אויסגעהרג'עט געווארען ביז א האלב מיליאן מאן. וועגען עסטרייך זיינען קיין בעשטימטע ציפערען ניטא. ניט נאר איז דארטען די צאהל אויסגעשלאכטעטע א גוואלדיג גרויסע, נאר טויזענדער זיינען דארט אויסגעשטארבען פון פערשידענע קראנקהייטען, וועלכע זיינען דארט פערשפרייט געווארען. די רואינע וועט דארטען זיין אזא גרויסע, דאס עס וועט נעהמען דורות, ביז זיי וועלען צוריק קומען צו זייער נאטירליכען צושטאנד.

עס איז ניטא קיין פארב און קיין ווערטער גענוג צו בעשרייבען און אפצומאהלען די צושטערונג און פערניכטונג וועלכע די ווילדע מלחמה האט געשאפען. איהר געפינט ניט קיין איין שטעטעל אדער דערפעל אין אייראפא, וואו איהר זאלט ניט געפינען א הויז, וועלכע איז ניט איינגעוויקעלט אין טרויער. דא פעהלט א פאטער, א זוהן, א מאן אדער א געליעבטער. די בעסטע, די בראווסטע האט מען צוגענומען און פערשיקט אהין פון וואנען זיי וועלען שוין צוריק ניט קומען.

מיליאנען זיינען פון זייערע שטעט פערטריבען געווארען, זייערע הייזער און גוטס צושטערט און זייערע היימען פערניכטעט.

מען זאגט אונז, אז מיר שטעהען אויף'ן העכסטען שטאפעל פון ציוויליזאציאן, מיר לעבען אין צוואנציגסטען יאהר-הונדערט ווען מען זאל אבער ברייננען אהער יעצט א ווילדען פון אפריקא, וואלט ער זיכער געוואונדערט אויף אונזער ציוויליזאציאן און וואלט ניט געוואלט הערען פון אונזער זאגענאנטער ציוויליזאציאן. עס זעהט אויס אז אונזער גאנצע ענערגיע, אונזער גאנצע וויסענשאפט האבען מיר אוועקגעגעבען פאר דער קונסט פון צושטערונג, און וואס מעהר א פאלק איז ציוויליזירט, אלץ מעהרער איז עס פעהיג צו פערניכטען.

און ווי טעמפ און פערהארטעוועט געפיהלען זאלען ניט זיין, מוזען מיר ווערען ערשיטערט פון דעם גרויסען אלוועלטליכען אומגליק, וועלכע עטליכע געקריינטע האבען געבראכט אויף דער וועלט.

מען פלעגט אונז זאגען, אז אום צו פערמיידען מלחמות דארף יעדעס פאלק זיין ביז צום העכסטען גראד בעוואפענט. אבער וואס איז געווען דער רעזולטאט? מיר האבען איינגעזעהן אז מען האט אונז גענארט.

וואס מעהרער די פעלקער זיינען געווען בעוואפענט, אלץ מעהרער זיינען זיי געווען פערטיג ארויפצופאלען איינס אויף דעם אנדערען און ביי דער ערשטער געלעגענהייט האבען זיי בעוויזען ווי הויך ענטוויקעלט זיי שטעהען אין דער קונסט פון הרג'ענען, שחטען, צושטערען און פערניכטען.

אז מר. ל. וויליאמס האט איצט א סטאק פון וועלכען מען קאן אויסקלייבען איז קיין פראגע.

א גרויסער סטאק אין פרייזען ביליגער — פון ביליג.

עס וועט זיך לוינען צו מאכען דארט א בעזוך.

א געארגיעווסקי קאוואליער

א מעשה פון דער פערגאנגענהייט.

פונד. שטיעבער

א הויכער ברייט ביינערדיגער איד מיט א לאנגע ברייטע גרוי-ווייסע בארד, וואס איז שטענדיג צוקעמט און פערשפרייט געווען איבער זיין ברוסט, אזוי האט אויסגעזעהן מיין שכן פון געגענאיבער די גאס. א סעלער געוועלב האט ער דארט געהאט פון גרינווארג; רעטיך, ציבעלעס, פעטרישקא, און אביסעל קארטאפעל.

זומער פלעגט ער צו האנדלען מיט אויבס, דאמאלס ווען פרוכט איז שוין ביליג געווען, און די אלטע זיינע א חוץ דעם וואס זי האט צוגעהאלפען אינ'ם מסחר, האט זי נאר אוגערקעס איינגעזויערט, קרויט אויפ'ן ווינטער איינגעלייגט צו פערקויפען און אזוי האבען זיי זיך מפרנס געווען.

אינגאנצען זיינען זיי צוויי מענשען געוועזען ער, און די אלטע זיינע אלע קינדער אויסגעגעבען, האבען זיי זיך בעגנוגענט מיט וואס עס איז, און געשלאפען האט מען אינ'ם זעלבען קעלער. אין א ווינקעל וואס איז דורך א פערגרינטען פארהאנג געווען אבגעטהיילט, זיינען די בעטען געשטאנען; און די אנדערע כלי-בית — אינ'ם געוועלב גופא.

יעדען פריה מארגען האט מען איהם אין גאס געזעהן מיט'ן טליתזאק אונטער'ן ארים, שטייף, מיט'ן קאפ ארויף, ווי א זעלנער, אפילו דאס היטעל זיינס, פלעגט ער האלב-קרום טראגען אויפ'ן קאפ. און מיט לאנגזאמע אויסגעצויגענע שריט שפרייזען, און ווען ניט זיין שנעע ווייסע בארד, און דער טלית אונטער'ן ארים וואלט מען זיכער געזאגט: אט געהט א סאלדאט.

בעקענט מיט איהם פערזענליך, האב איך זיך דורך א ציפאל, און באלד ביי אונזער ערשטען בעקאנטשאפט, האט ער מיר פון זיין לעבען דערצעהלט, וואס כ'קען קיינמאל ניט פערגעסען.

געוועזען איז עס אין א פריה מארגען, ווען ארויסגעהענדיג פון מיין שטוב האב איך א געזעמעל פון מענשען דערזעהן, געגענאיבער די גאס, נעבען קעלער געוועלב, א סטראזשניק איז דארט געשטאנען, געטופעט מיט די פיס פאר כעס, און אלערליי זידעל ווערטער אויפ'ן "קול" אויסגערעכענט, ביז'ן טאטענס טאטען אריין, און דאס זעלבע איבער'חזר'ט יעדע מינוט — "טי זשידאווסקא מארדא, טי מאשיעניק", מיט א שטימע, וואס האט מיט יעדע מינוט געוואקסען העכער, און געכאפט זיך אויף פאר דיא שווערד, און געפאכעט מיט איהר, א שטייגער ווי איהר אריינצושטעקען אין עמיצענס ברוסט, און מיט אפנים פול מיט רציחה געשריען: "איך וועל דיר שוין ווייזען טי זשידאווסקא מארדא, כ'וועל מיך שוין מיט דיר אברעכענען, "משיטשאס", שוין זאלסט מיר געבען טינט און פעדער, כ'געה שוין א "פראטאקאל" שרייבען, דו קרימינאלניק, וועסט שוין ליגען דערפאר אין די "וויענזשינא".

מיין שכן, דער אלטער, וואס איז גראד דאמאלס פון דאווענען אנגעקומען מיט'ן טלית אונטער'ן ארעם, איז געשטאנען און געציטערט, דאס פנים זיינס — ווי קאלך געקוקט מיט איין אויג אינ'ם סטראזשניק'ס פנים אריין, מיט דרך ארץ, ניט צו פערהערען חלילה איין-איינציגן ווארט, און מיט'ן אנדערן אויג געקוקט אויף די קארטאפעל וואס האבען זיך געוואלגערט איבער'ן טרעטואר, אזש ביז'ן רינשטאק אריין. ער האט געקוקט מיט רחמנות אויף זיין פראצע, געקוקט צום לויזדינגען קויבער, וואס איז געלעגען איבערגעדרייט פונ'ם שטארקען פוסקלאפ פונ'ם סטראזשניק, אויס וועלכען די קארטאפעל האבען זיך צושאטען איבער אלע זייטען. אידן, און ווייבער, וועלכע זיינען דארט געשטאנען, האבען מיט שטילע זיפצען, גלייך מיט'ן בעל הבית, געציטערט. זיי האבען מורא געהאט די קארטאפעל אויפצוקלייבען, וועלכע דער אדון סטראזשניק האט מיט'ן פוס אויסגעקלאפט, ביז וואנען מיין שכן איז מיט'ן סטראזשניק אראב אין קעלער, איהם פאפיער צו געבען אויף א פראטאקאל.

גאנץ אנדערש איז אבער דער אדון סטראזשניק צוריק ארויפגעקומען, אין בעגלייטונג פון מיין שכן. דאס פנים זיינעם איז שוין געמיטליך געוועזען, שוין גערעדט שטיל, כמעט מיט רחמים, א שטייגער ווי איבערבעטען — חאזשיי, דו זעהסט דאך, איך בין דאך נור א סלוזשיטעל, א דיענער, קאטארי, וואס דארף אכטונג געבען אויף ארדנונג אז דו שטעלסט ארויס א קויבער נעבען הויז, קענען דאך מענשען ניט דורכגעהען בעקוועם. עי באוו כ'וויל קיינעם גאר ניט טהון, אבער דו זעהסט דאך גאספאדין, איך בין דאך נור א סלוזשיטעל, טהו עס ניט נאכאמאל, זעה באריין, כ'האב דיר איצט געשענקט.

א געארגיעווסקי קאוואליער 2

א נייע לעבען האט זיך אין די בלייכע פנימער פונ'ם געזעמעל בעוויזען, און נאכדעם ווען מ'ן האט דאס ביסעל קארטאפעל ווי עס איז צוזאמענגעקליעבען, בין איך צו מיין שכן אריין, צו ערפאהרען ווי דער חטא איז פארגעבען געווארען.

מיין שכן בעטענדיג מיך זיצען, האט זיינע ברילען אויפ'ן שטערען ארויפגערוקט גענומען א שמעק טאבאק, און אנגעהויבען צו מיר ריידען.

— אזוי ווי דו קוקסט מיך אן, בין איך ניט אבי ווער, נישט קשה, כ'קען מיר ב"ה מיין שטעדטעל באשטעהן, כ'האב א וועלט פאר די אויגען געזעהן. א גליק כאטש וואס כ'בין גראד אנגעקומען א ניט, וואלט חלילה זיין שלעכט. אמת טאקע, כ'וואלט מיר ניט געלאזט שפייען אין קאשע, ווארום איך בין ניט א ליארע ווער איך וואלט ביי'ם "גרינעם טיש" אויך געקענט עפעס ווייזען, און זיי וואלטען מוזען דרך-ארץ האבען, אבער געה הויב אן מיט משפטים, ובפרט אז מען איז א איד, ווי זאגט מען עפעס: ומשפטים בל ידעום, גלייכער ניט צו וויסען דערפון.

— אין זאלסט ניט מיינען אז ס'איז נור עפעס גלאט געזאגט, כ'קען עס דיר ווייזען שווארץ אויף ווייס, אויף מיין אייגענעם נאמען, און דאצו "נאך עפעס", הערסטו אזעלכעס, פאר וועלכען דער סאמעראדערנע יעדנעראל האט דרך ארץ, דעם גרעסטען כבוד גיבען זיי דערפאר אב, ווי פאר א נאטשאלניק, דאס קען מיר קיינער ניט אוועקנעהמען.

און זאגענדיג דאס, הויבט ער זיך אויף מיט גדלות, שניפט אריין א שטארקען שמעק טאבאק, און געהט צום קאמאד צו הויבט אן זוכען, פון איין שיפלאד צום אנדערען, ווערט מעשה בייז, ער געפינט ניט, רופט ער דאס ווייב: שפרה זאג, וואו ליגט עס, האסט עס ווייטער שוין פערווארפען?

— דארט, דארט וואו די הבדלה ליגט מיט'ן בשמים-ביקס, קיינמאל געפינט ער ניט, ס'איז דיר קליין אין די אויגען?

מיט א צופרידענע מינע דערלאנגט דער אלטער זיין חפץ, ברייננט עס צום טיש צו, ס'איז א לעדערנע שאכטעל, ער עפענט עס ניט, נור לייגט זיין עלענבויגען דאראויף, ווישט זיך די וואנצעס אב, נעהמט זיך אן פאר'ן קלאפע, כ'זאל מיך צוהערען וואס ער וויל מיר דערצעהלען.

— אט דא, ליגט דאס, פאר וועלכען נאטשאלסטווא אפילו האבען דרך ארץ, דאס איך פערדיענט פאר בראוואסט.

א ניקאליעווסקי בין איך א ניקאליעווסקי סאלדאט, פון די פינף און צוואנציג יעהריגע, ס'הייסט, וואס אמת, אז די גאנצע סלוזשבע האב איך ניט מיטגעמאכט געדיענט א יאהר צוויי, אדער דריי און צוואנציג, שאט, אפשר עפעס מעהר, כ'געדענק דאס קיינמאל ניט. נור זיכער בין איך, אז אין גאנצען, האב איך ניט אויסגעדיענט, מען האט מיך בעפרייט פאר ליעבשאפט נאך פריהער פאר דער צייט.

אזוי ווי דו קוקסט מיך אן, בין איך געוועזען א "סאלדאט" ווי "נאטשאלסטווא" וויל האבען, גאנץ פריה אויפגעשטאנען, אלע סאלדאטען זיינען נאך געשלאפען, ס'איז נאך שטאק חושך געווען, אבגעפוצט מיין פערד, און דאס פערד פון מיין דזשיידקא. ביי די פערד האב איך געדיענט, אבגעפוצט מיין שאשקע, די שטיוועל, דערנאך זיך געוואשען, און געשטעלט דאווענען.

איז דער דזשיידקא אויפגעשטאנען, און געזעהן ווי סאלדאטען טשעפען מיך, האט ער ניט געלאזט, "ער האט — זאגט ער — זיין "פאווינאסט" געטהון, מעג ער זיך איצט מאדליען, א גוטער סאלדאט דער יעווריטשיק, קען סלוזשבע".

און הייס איך אפילו בערקא נור אז מיין אונטעראפיציר, און ווער שפעטעסט נאך מיין ראטנע קאמאנדיר, אז זיי האבען אזאג געטהאן — "מאשקא", האט מיר דאס הארץ א צאפעל געטהאן פאר שמחה, ווייל אזוי האט מען מיר גערופען ווען כ'בין זיי געפעלען געווארען דאמאלס פלעג איך הערען: 'מאלאדיעץ! און דערפאר האבען מיך אנדערע סאלדאטען פיינט געהאט אבער מיך האט עס ווייניג געארט, ווייל ביי נאטשאלסטווא, האב איך נושא חן געוועזען.

נור איינמאל בין איך אין סכנה געווען, ס'איז א ביטער עסק געוועזען. איך האב געקענט חלילה פערשיקט ווערען אין ארעסטאנסקע ראטע, נור ס'איז מיר ניסים געשעהן, און כ'בין אבגעקומען מיט כמעט א גאר ניט.

די מעשה איז אזוי געוועזען: מען האט מיך אנידערגעשטעלט אויפ'ן פאסט געזאגט מיר איך זאל היטען און איך שטעה פלוצלונג קומט אן נאטשאלסטווא איך דערשפיר א רייב אין מארדע, "דו שלאפסט נאר אויפ'ן פאסט? מען האט דאך דיר אלעס ארויסגע'גנב'עט, "קאזנאטשייסטווא געלד", יעווריסקא מארדא.

— ווינאוואט, וואשע בלאגאראדיע, ווינאוואט — זאג איך, קריגענדיג דערביי א צווייטען, א דריטען "פלעם" אז כ'זעה אזש רעדער פאר די אויגען. איך ווייס אפילו אז כ'האב ניט געשלאפען, און דארטען איז גאר אפעם אנדעריש. נאר — ווינאוואט — זאג איך — כ'בין עס ווערט.

און דא בשעת מעשה געהט דיר אויס איינגאנצען נאך א פאר יאהר אבצודינען מיט איינמאל, נא דיר, האסטו גאר שלאפען אויפ'ן פאסט, מע קען דערפאר מיט'ן לעבען בעצאהלען און אין בעסטען פאל ארעסטאנסקע ראטע.

כ'זאל זאגען דעם אמת וואס דא איז געוועזען, פער'מסר'ען נאטשאלסטווא, דאס טאר מען ניט, און אנב זאלען זיי וויסען וואס א איד איז, בעסער אליין פאר ליעב נעהמען, זיך מוסר נפש זיין, ס'זיינען דא אידען סאלדאטען.

אבער דער ראטנע מיינער, ביי וועמען איך האב אזוי נושא חן געוועזען האט מיר אין "קארין" מיין געארגיעווסקי ארייננעשיקט, כ'זאל מיר דאס אנטהון און אזוי דערמיט שטעהן ביי'ם משפט.

זאגענדיג דאס, האט דער שכן מיינער, פאמעליך די שאכטעל געעפענט, און דערפון א קליין זילבערנעם צלם'ל ארויסגענומען, וואס האט אויף א שטיקעל זיידענעם באנד געהאנגען און זיך צום ברוסט אנגעשפילעט, גלייך געשטעלט זיך מעשי סאלדאט, מיט'ן האנד צום היטעל.

— אט אזוי בין איך צום טיש צוגעגאנגען און נאטשאלסטווא האבען זיך איבערגעקוקט, איינער צום צווייטען, און צוריק מיר טשעסט אבגעגעבען, אט פאר דעם, האט מען דרך ארץ געהאט, אפילו דער סאמעראדערנע יעדענאראל וואס האט אויך אזעלכעס געהאט

מילא פון מיין משפט איז גאר ניט געווארען מיין ראטנער האט געזאגט אז דאס איז ערשט די ערשטע זאמעטשעניע דורך די גאנצע סלוזשבע, נור דער עיקר אז איך בין א געארגיעווסקי קאוואליער, און אז איך האב דאס ווירנא פערדיענט אין מלחמה

דא זעצט זיך מיין שכן צום טיש, לאזט די ברילען אראב אויפ'ן נאז, עפענט די שאכטעל נעהמט ארויס פון דארט צוויי מטבעות, דערלאנגט זיי מיר אין האנד, זאגענדיג: "נא, זעהסט דו, דאס איז מעדאלען איינע א בראנזאווע, און די אנדערע א זילבערנע, דאס איז שוין א גרויסער מעדאל וואס ניט יעדער פערדיענט דאס, ליג נור זיי מוחל צוריק אריין, אט דא, וועל איך דיר ווייטער דערצעהלען

א שווערע זיפץ לאזט ער ארויס, לאזט דעם קאפ אראב, און בלייבט פאר א ווייל שטיל, ביז די אויגען ווערען איהם פייכט, דאס פנים בלייך און די הענד הייבען איהם אן ציטערען נעהמענדיג אין האנד די טאבאק פושקע, לאזט נאכאמאל א טיעפען זיפץ ארויס, און מיט א ציטעריג אבל'דיגע שטימע הויבט ער ווייטער אן:

— ס'זענען שוין יאהרען, יאהרען אוועק, און מיר דוכט זיך אז ס'איז ערשט נעכטען געוועזען, כ'געדענק נאך, וויפעל אידישע הרוגים איך האב מקבר געוועזען כ'האב נור געקענט און וויפעל קעשענעס איך האב געזוכט, ניט חלילה קיין געלד, נאר נאטשאלסטווא האבען דאס געוואוסט כ'האב זיי דאס ערקלערט כ'האב געזוכט צו וויסען ווער זיי זענען, טאמער האט עמיצער געהאט א צוואה, און ס'זאלען חלילה ניט בלייבען אידישע עגונות, ס'איז "וואינא" געוועזען, אין מיטען סאמע רעכטען ברען, פון סעוואסטאפאלער קאווא וואינא א מלחמה וואס האט זיך לאנג לאנג געצויגען.

פייער, רויך און שווערד, בלוט האט געגאסען טייכען-ווייז, מענשען מיט פערד זיינען דערשטיקט געבליבען אונטער די חורבות, ניט געקענט זיך דערהויבען איבער די שווערע משא, וואס מען האט אויף זיך געהאט ניט ריהר געקענט זיך טהון, און די נשמה אויסגעהויכט ווען קיינער האט ניט געזעהן, געקאטעוועט געוועזען שווער ווי א סאלדאט, ניט ווי היינט עפעס א סאלדאט'שיקעל

כע, כע — צולאכט זיך דער אלטער היינטיגע סאלדאט'שיקלאך קינדער בנמנות קינדער. די מילך רינט זיי נאך אויף די ליפען, פון די מאמעס ברוסט, גיב זיי א קוועטש, בלייבט פון זיי גאר ניט, אבער אין מיין צייט, א סאלדאט איז געוועזען — א סאלדאט. מען האט געוואוסט וואס סלוזשבע הייסט

אבער ניט דאס וויל איך דיר דערצעהלען לאמיר דאס לאזען אויף אן אנדערש מאל, כ'וויל דיר נור דערצעהלען פון דארט, פון די מלחמה מיין איך.

מיר זיינען געשטאנען אויף איין ארט שוין דעם פיערטען טאג, א האגעל פון קוילען האט גערעגענט, מענשען זענען ווי פליגען געפאלען, הונגעריג, דורשטיג אונזער מחנה ווערט וואס אמאל שיטערער אוועקגעהן טאר מען ניט, איך הויב אן תהילים זאגען, און וידוי, כ'זעה אז פון דאנען וועט מען שוין ניט ארויס

דאס מאל לאכען ניט מיינע חברים די סאלדאטען, אדרבה, אלע שטעהן שטיל צלמ'ען זיך איבער, און מיין עפרייטאר, זאגט צו מיר —

— בעט בערקע בעט אויף דיין לשון מען זאגט, די יעווריעס קענען בעטען. בעט בערקע אז מיר זאלען נאך ארויס פון דאנען, און צלמ'ט זיך איבער

דא בלייבט דער אלטער שטיל, די טרעהרען הויבען אן פליעסען, א טיעפע מרה שחורה בעהערשט אונז ביידע, און דער קעלער שיינט א קבר צו זיין

דער אלטער קומט צו זיך, און הויבט

(פארזעצונג אויף פיידזש 5)

ווערט רומעניען זיין אהין אדער אהער?

די לעצטע צייט פערנעהמט רומעניען דעם הויפט פלאץ אין די מוחות און אין די געשפרעכען פון די אייראפעאישע דיפלאמאטען. ביידע צדדים, די עלליי'ס און די טייטאנישע פערבינדעטע שטרעבען אן אלע זייערע כוחות צו געווינען רומעניען אויף זייער זייט. די דייטשען, כדי פאלשטענדיג צו קאנטראלירען די באלקאנען, און די עלליים, ערשטענס דורכצולאזען א רוסישע ארמעע, וועלכע זאל אטאקירען בולגאריען און דערנאך, צוזאמען מיט דעם איבריגען מיליטער פון די עלליים, ארויסצוטרייבען די טייטאנישע פערבינדעטע פון דעם באלקאנישען האלב־אינזעל.

וואס די עלליים פערלאנגען איז, אז רומעניען זאל, אזוי ווי גריכענלאנד בלייבען „פריינדליך נייטראל". אזוי ווי די גריכען האבען געטהון.

דייטשלאנד ווידער וויל נאטירליך ניט אז רומעניען זאל זיין „פריינדליך נייטראל" צו די עלליים און רומעניען ביינגט זיך אהין און אהער, ווי געריסען פון צוויי שטורמווינדען פון צוויי פערשיעדענע זייטען.

ווי די זאך שטעהט קען מען נאטירליך גארנישט פאראויסזאגען. היסטאריש דארף רומעניען צושטעהען צו די עלליים ערשטענס דורך איהר טהיילווייזע ראסענפערבינדונג, ווי איהר געשיכטע דערצעהלט מיט פראנקרייך און איטאליען, צווייטענס דורך דער פראנצויזישער קולטור, וועלכע הערשט צווישען דער לייטענדער קלאס פון רומעניען, און דריטענס, ווייל רומעניען האפט, אז מיט דעם וואס די עלליים וועלען בעזיעגען די דייטשע פערבינדעטע, קען זי אפשר צוריק קריגען איהרע צוויי פראווינצען : טראנסילוואניען, וועלכע בלאנגט צו אונגארן, און בוקאווינא, וועלכע געהערט צו עסטרייך. אבער ווי געזאגט קען מען איצט גארניט פאראויסזאגען ווייל פיעלעס איז איצט פארגעקומען אין אייראפא, וואס דער געוועהנליכער גאנג פון שכל קען ניט בעגרייפען, פינקט אזוי ווי ער קען איבערהויפט ניט בעגרייפען די גאנצע שוידערליכע מלחמה און דאס אויסשלאכטען פון גאנצע פעלקער.

און וואס איז מכח רומעניען אליין ? ווי האלט עס מיט די געפיהלען פון דער בעפעלקערונג אין בעצוג צו דער מלחמה ? איז זי פאר קריעג אדער פאר פריעדען, אויב אזא זאך ווי פריעדען איז איצט מעגליך אין אייראפא ?

ביים פאלק אין אלגעמיין פרעגט מען דאך נאטירליך גארניט ; וואס די פיהרער, וועלכע האלטען די לייצעס אין די הענד, ווילען, דאס טהוען זיי, און וואס זיי בעשליסען איז בעשלאסען און פערזיגעלט.

אבער אינטערעסאנט זיינען די לעצטע נאכריכטען, וועלכע זיינען אנגעקומען פון בוקארעסט, רומעניענס הויפט שטאט. אין די ענגע ראהמען פון א טעלעגראמע קען מען אמאל דערזעהען דאס גאנצע בילד פון א פאלקס פאליטישען, עקאנאמישען אדער פסיכאלאגישען צושטאנד.

נעהמט למשל איינע פון די לעצטע רומענישע טעלעגראמעס, אין וועלכער עס ווערט געמעלדעט, אז די דעפוטאטען האבען זיך צופאטשט אין פארלאמענט בעת דער רומענישער קעניג, פערדינאנד האט אנגעהויבען לייענען זיין טהראן רעדע. די טעלעגראמע דערצעהלט אויך, אז אנגעפאנגען האט זיך דאס געשלעג דערפאר, ווייל דעפוטאט קאנסטאנטין מילע האט געמאכט א טומעל אזוי שנעל ווי דער קעניג האט אנגעפאנגען לייענען זיין רעדע.

דיעזע טעלעגראמע, ווי קורץ און טרוקען זי איז, דערצעהלט די געשיכטע פון א לאנגען ביטערען קאמפף, וועלכער געהט אן אין רומעניען פאר די לעצטע פופציג יאהר, זייט מען האט ארויפגעזעצט אויף דעם רומענישען טהראן א דייטשען קעניג און דערמיט געשאפען א דייטשע דינאסטיע. דאס האבען געטהון די דאמאלדיגע פיהרער פון דער רומענישער פאליטיק, די זאגענאנטע „פרא־גערמאנען".

דער ביטערסטער שונא פון דער דייטשער דינאסטיע איז געווען אלעקסאנדרו בעלדימאן, איינער פון די פעהיגסטע זשורנאליסטען, וואס רומעניען האט ארויס געגעבען. ער איז געווען א פערזענליכער גוטער פריינד פון דעם דאמאלדיגען אראבגעזעצטען קעניג קוזא, א ראדיקאל אין גולסטען זין פון ווארט און האט שטודירט אין די אוניווערזיטעטען פון בריסעל און פאריז, איינזאפענדיג אין זיך דעם פרייהייטס ווי אויך דעם פראנצויזישען גייסט.

אזוי לאנג ווי בעלדימאן האט געלעבט און איז געווען דער אייגענטהימער און רעדאקטאר פון דער ליבעראלער צייטונג „אדעווערול" האט ער ניט אויפגעהערט צו בעקעמפפען, און ביי יעדער געלעגענהייט צו אטאקירען דעם פערשטארבענעם קעניג קאראל צוזאמען מיט דער גאנצער דינאסטיע, און מיט דעם גאנצען דייטשטהום אין אלגעמיין. עס איז אויך ווערט צו בעמערקען, אז ער איז געווען איינער פון די הייסעסטע קעמפפער פאר אידישע רעכטע און אן אמת'ער אוהב ישראל.

אט ביי דיעזען מענשען אין דער רעדאקציע האט זיך ערצויגען קאנסטאנטין מילע, וועלכער האט ניט נאר איבערגענומען די פארטזעצונג פון זיין רבינ'ס קאמפף, נאר ער איז געווארען דער אייגענטהימער פון דעם „אדעווערול", וועלכער איז אונטער זיין רעזשים געווארען די גרעסטע און רייכסטע צייטונג אין לאנד.

מילע, אלס זעלבסטשטענדיגער סאציאליסט, ניט בעלאנגענדיג צו קיין פארטיי אין גייסט פערבונדען מיט אלע אונטערדריקטע, איז געווארען איינער פון די אינטערעסאנטעסטע פיגורען פון רומעניען, און מען קען כמעט מיט זיכערהייט זאגען, אז ער איז דער פאפולערסטער מענש אין לאנד.

מילע איז געבענשט מיט אלעם וואס די נאטור קען שענקען א מענשען, וועלכער איז א געבוירענער קעמפפער. ער איז הויך געוואקסען, זעלטען שעהן און אנגענעהם, א וואונדערבארער רעדנער, א פייערדיגע נאטור און א זעלטען שארפע פעדער, ער האט אויך גענאסען זיין העכערע ערציהונג, אין די אוניווערזיטעטען פון בריסעל, די שווייץ און פראנקרייך, און איז דער גרעסטער שונא פון דייטשטהום.

ביי אירגענד וועלכער פרייהייטס בעוועגונג, געפינט מען מילע'ן אלס איינעם פון די הויפט פיהרער, און וואו א איד איז ערגעץ אין א צרה נעהמט מילע אויף דעם קאמפף פאר דעם אידען. מילע'ן ארט ניט צו דאס איז איין איד, אדער עס האט צו טהון מיט דעם אידענטהום בכלל. ער איז גלייך אויפ'ן פלאץ און דער קאמפף איז אין פולען גאנג. ער האט זיך אזוי איינגענעסען די אנטיסעמיטען אין די ביינער, אז ווען זיי וואלטען ניט מורא געהאט, וואלטען זיי איהם אויף דעם ערשטען, בעסטען בוים אויפגעהאנגען. ווען זיי רעדען אדער שרייבען וועגען מילע'ן, קריצען זיי מיט די צייהן און שרייען אז זיין צייטונג איז א אידישע, און ווען זיי מאכען א קאריקאטיר פון איהם, שטעלען זיי איהם פאר אלס א איד : מיט פאות, א יארמולקע, מיט שיך און זאקען א קאפטען מיט א גארטעל און פארפעהלען אויך ניט דעם טלית קטן.

אלס דעפוטאט, איז מילע נאטירליך שטענדיג אין דער אפאזיציאן און ווען מען רעכענט נאך צו זיין האס צו דער דייטשער הערשענדער דינאסטיע אין רומעניען און די שנאה פון דעם גרעסטען טהייל דעפוטאטען, וועלכע ער אטאקירט אזוי ביטער מיט זיין גיפטיגער פעדער, ווערט מען לייכט קענען פערשטעהען פארוואס ער האט אונטערגעבראכען דעם קעניג ווען ער האט אנגעהויבען לייענען זיין טהראן רעדע און, ווארום מעהרערע דעפוטאטען האבען זיך געכאפט שלאגען.

מילע, וועלכער איז ווי שוין געזאגט, א פראנצויז אין גייסט און א פייערדיגער פאטריאט, וועלכער וואלט געוואלט זעהען זיין לאנד גליקליך און בעהערשט פון דעם פראנצויזישען אדער בעלגישען פרייהייטס־גייסט, איז נאטירליך איצט, ווען רומעניען ווערט געריסען פון די שטרייטענדע צדדים פון אייראפא, מיט'ן גאנצען הארצען, אז רומעניען זאל געהען האנד אין האנד מיט די עלליים, און וועלכע ער זעהט בלויז פראנקריך און בעלגיען.

אט דאס איז מילע, וועלכער האט, אין דיעזען זיין וויניגסטענס, פיעלע אנהענגער, און אט צוליעב דיעזען קאמפף זיינעם איז דאס פארגעקומען דאס געשלעג אין פארלאמענט, אבער ער איז כמעט ווי זיכער אז די פעטש האט ער געקראגען מעהר צוליעב פערזענליכע אורזאכען ווי צוליעב זיין קאמפף אין אלגעמיין, ווייל עס קען זעהר געמאלט זיין אז די דעפוטאטען, וועלכע האבען זיך געכאפט שלאגען איהם, זיינען אויך דאפיר, אז רומעניען זאל געהען מיט די עלליי'ס.

דאס אליין, וואס מילע, אזוי גוט ווי דאס גאנצע פאלק, וואלט געוואלט זעהען די אנעקסירונג פון די צוויי פראווינצען טראנסילוואניען און די בוקאווינא צו רומעניען דאס אליין איז גענוג צו איבערצייגען, אז געשלאגען האט מען איהם צוליעב פערזענליכע חשבונות.

דער אינצידענט מיט מילע'ן איז דא ניט דערצעהלט געווארען כדי צו ערקלערען ווארום ער האט געקראגען פעטש, דאס קען טרעפען מיט יעדען דעפוטאט אין יעדען אייראפעאישען פארלאמענט. דער פאל מיט מילע'ן דיענט דא בלויז אלס אן אילוסטראציע וועגען די צושטענדען וואס הערשען איצט אין רומעניען. און עס איז קיין צווייפעל ניט, אז מילע אלס עליי, דאס הייסט אלס פראנצויז אין גייסט דריקט מיט זיך אויס דאס געפיהל וואס הערשט כמעט אין גאנצען לאנד, מיט דער אויסנאהם פון עטליכע אלטע פאליטישע פיהרער, וועלכע זיינען איצט ניט אין קראפט, און וועלכע האבען אויסנאהמסווייזע פאר א רומענער, געקראגען א דורכאוס דייטשע ערציהונג.

ל. קיפערמאן

שלמה האלפערין

דער איד און דאס ליכטעל

דער איד : —
וואס ביסטו, ליכטעל, אזוי בלאס אין
מרה שחורה,
עס פאסט דאך ניט פאר א גאלדענער
מנורה.
קוק ! דו רופסט ביי מיר ארויס א טרעהר.
דערצעהל וואס דריקט דיין הארצען שווער ? . .

דאס ליכטעל : —
נישט פון נחת ווער איך בלאס
און ארים,
אין הארצען ליגט און טאטשעט מיר
א ווארים
מען האט מיין ליכט צו שאנד געמאכט . . .
— צו וואס מען האט מיך אויסגעבראכט !

דער איד : —
יא איך וויים, מען ברייננגט דיך אוים
פאר שטותים.
אנשטאט „העלדען" רעדט מען נאר
פון „נסים".
א „פלעשעל בוימעל אויסגעטראכט,
פאר א „געצען" דיך געמאכט . . .

דאס ליכטעל : —
א פריינד ! מיין בלוט טהוט טראפענווייז
מיר טריפען,
מען נוצט מיך אוים צו „קארטען" און צו
„גריוועז",
מיך מיט קריסטמאס מישט מען אוים . . .
איי ! האב רחמנות, לעש מיך אוים !

דער איד : —
יא ! איך לעש דיך אוים מיט מיינע
טרעהרען . . .
בעפרייט פון דיינע צרות זאלסטו
ווערען.
אצינד בלייב איך נאר אליין.
ווער וועט הערען מ י י ן געוויין ? . . .

אידישע פארמערס קאנווענשאן אין ניו יארק

ניויארק — דיא זיעבעטע יעהרליכע קאנווענשאן פון דער אידישער פארמערס פעדערייישאן אין אמעריקא איז זונטאג אבענד פארמאל ערעפענט געווארען מיט א פערזאמלונג אין אדיטאריום פון עדיוקיישאנאל אליינס, איסט בראדוויי און דזשעפערסאן סטריט. דיא פארמערים דעליגאטען מיט זייערע עלטערע קינדער און א היבשע צאהל בעזוכער האבען אנגעפילט דיא גרויסע האל.

דער הויפט רעדנער פון אבענד איז געווען דער מיליאנער דזשייקאב ה. שיף. ער האט אנגעפאנגען זיין רעדע מיט דער ערקלעהרונג דאס ער איז אויך א פארמער. „יא איך האב א פארם" האט דער מיליאנער געזאגט מיט א שמייכעל און א שעהנע פארם דערצו. איך האב אנגעזאגט מיינע דיענערס דאס ווען אימיצער קומט אויפ'ן פארם זיי זאלען איהם פרעגען אויב ער וויל א גלאז מילך. אדער א גלאז שאמפיין איך בין אבער אלע מאל מעהר צופריעדען ווען דער בעזוכער וויל שאמפיין, ווייל א גלאז שאמפיין קאסט מיר פיעל ביליגער וויא א גלאז מילך פון מיין פארם".

נאך דיעזער שפאסהאפטער בעמערקונג איז מר. שיף געווארען ערנסט, ער האט אנגעוויזען דאס דיא אידישע פארמערס פון דער איסט, זייענדיג ארגאניזירט אין א פעדערייישאן האבען אויף זיך איצט גרויסע פליכטען. נעמליך, צו ווייזען דיא אידישע אימיגראנטען א וועג צום פארם לעבען. „נאך דיעזער שרעקליכער מלחמה" האט מר. שיף געזאגט „וועט דיא אידישע אימיגראציאן, דענק איך, זיין זעהר גרויס עס איז אמת דאס דיא פעראייניגטע שטאטען האט גענוג פלאץ פאר זיי, אבער ניט אין דיא גרויסע שטעדט, וואס זיינען איבערפילט. מיר דארפען צוגרייטען א מעגליכקייט פאר אונזערע ברידער, וועלכע וועלען קומען אהערצו, צו בעזעצען זיך אין פארמס און מאכען אן אנשטאנדיגען לעבען".

מר. שיף האט גערעדט וועגען אנדערע געזעלשאפטליכע פראגען, אבוואהל זיי זיינען ניט געווען אם פלאץ און דיא פארמערס האבען זיכער ניט פערשטאנען וואס ער האט געמיינט, אבער דאס זיינען געווען אין אלגעמיין וויכטיגע פראגען. ער האט קריטיקירט דיא אגיטאטארס וויא ער האט זיי אנגערופען וועלכע שרייען דאס דאס אידישע פאלק דארף האבען נייע פיהרערס, וועלכע זאלען ערוועהלט ווערען אלס אזעלכע, אויף א דעמאקראטישען באזיס. „מיר דארפען האבען נייע און מעהר פיהרערס" האט מר. שיף געזאגט שארף „אבער מיר דארפען ניט האבען

(פארטזעצונג אויף פייזש 6)



א געאריעווסקיע קאוואליער

(פארזעטצונג פון פיידזש 4

אן מיט א ציטעריג קול —

— איך האב מיינע אויגען צום הימעל אויפגעהויבען, כ'האב שוין גאר ניט מעהר געקענט זאגען, נור מיט'ן גאנצען אימפעט האב איך ארויסגעזאגט — שמע ישראל.

פלוצלונג דערהער איך פון ווייטענס, צווישען די מאסע טויטע און פערוואונדעטע וואס זיינען אויסגעלייגט געוועזען אין די חמרים, עפעס ווי א שוואכען קרעכץ, איך הארך זיך איין, און דערהער — שמע ישראל, אידען בני רחמנים, שמע ישראל, שמע ישראל.

כ'האב פערגעסען אן מיר איינגאנצען. איך האב ניט געקוקט, וואו די קוילען פליהען, און מיט'ן גאנצען אימפעט דארט אהינגעפלויגען, געטראפען דארט א איד ליעגען, געהאלטען שוין שמו...

כ'האב איהם געוואלט אויפהויבען, האט ער ניט געוואלט, 'כשטארב שוין — זאגט ער, נעהם פון מיר ארויס דעם בריעף צו מיין ווייב און קינד נעהם אויך מיינע תפילין ארויס, און גיב זיי דאס איבער טאמער בלייבסטו לעבען, נעהם זיי און דערלאנג עס צו מיין מויל. כ'וועל זיי קושען איצט, נאך איין־איינציג מאל. זאל מיין זוהן דאוונען אין זיי זיין גאנצעס לעבען און מיט'ן קוש אין די תפילין איז די נשמה ארויס.

„איך שטעה מיר אזוי פערטראכט קוק מיר צו די הרוגים, און ארום מיר לויפען קוילען, מיין שינעל איז שוין אין איינגע ערטער דורכגעלעכערט אבער מיך ארט עס ניט כ'האב נור אין זינען ווי נאך די תפילין מיט'ן בריעף צו בעזארגען, און איך געה מיר פאמעלאך דארט ארום.

ערשט איצט דערזעה איך מיין פעלדוועבעל ליגען אהן א פוס, און ניט ווייט פון דארט, יעווא בלאגאראדי דער ראטנער קאמאנדיר, פון מיין אייגענע ראטע, צובלוטיגט פון אלע זייטען, און קרעכצעט, בעט הילף פויל איך זיך גאר ניט גיעב א נעהם דעם ראטנער ווי מען נעהמט א קינד, און אט איז ער שוין ביי אונז, ראטעוועט — זאג איך, איהם וועקלייגענדיג און לויף מיין יעפרייטאר לאזט ניט דאמאלס ווייטער נאך'ן פעלדוועבעל פלאצען פונקט אויף גרויסע שווערע קוילען. אבער מיך ציהט אהין אפשר נאך א איד נאך א בריף נאך א פאר תפילין און לויף ווייטער צווישען פייער און רויך.

איך קוק מיך אום, אהן שום פחד, כ'האב תפילין ביי מיר צוויי פאר. אבער כ'זעה ניט מעהר אלין איז טויט מען טרעט אויף הרוגים, איך לויף צום פעלדוועבעל כאפ איהם אויף די פלייצעס, און דאס בלוט רינט אויף מיר פון אלע זייטען, א קויל לויפט פאר מיין אויער פערביי נור איך שפיער ניט און לויף מיט אלע כחות צו אונז אריין.

אויף צו מארגענס איז שטיל געווארען ס'איז ווייניג וואס געבליבען פון אונז נור אונזער ארט האבען מיר אויפגעהאלטען, און שפעטער זענען א גרעסערע חיל צו אונז צוגעקומען, און מיין ראטנער האט אלעמען אנגעוויזען אויף מיר — אט איז ער דער יעווריטשיק. ער איז א מאלאדיעץ

[illegible]

אויסגעשטעלט, און דער פאלקאווניק אליין האט אלע דערצעהלט, וואס איך האב געטהון — זעהט — זאגט ער, ראביאטי, כאטיא ער איז א זשיד, און דאך ווויס ער וואס סלוזשבע הייסט, זעהט קוקט אן זיין פנים ווי ער זעהט אוים און ער איז געוועזען צו ראטעווען זיין נאטשאלסטווא

און זאגענדיג דאס איז ער אליין צוגעגאנגען צו מיר, געזאגט מיר — „מאלאדיעץ" און אנגעשטאכען אט די צוויי מעדאלען, און אלע סאלדאטען האבען געשריען הורא !

ניט אבער אזוי לייכט איז געוועזען דעם געארגיעווסקי צו קריעגען ; היינט א ליאדע וואס בעקומט מען א געארגיעווסקי אהן א האנד א געארגיעווסקי ; פערליהרט מען אנ'אויג, ווער שמועסט נאך ביידע, בעקומט מען באלד א געארגיעווסקי א מאל אבער אמאל אהא האט מען בעדארפט דאס פערדיענען, עפעס בעווייזען, שוין איינמאל א כראבראסט, א רודיע האב איך פון שונא גערעטעוועט אנ'אפיציר פונ'ם שונא א לעבעדיגען געבראכט, און דעם פאלקאווניק מיינעם פון א זיכערן טויט געראטעוועט פערשטעלענדיג איהם מיט מיין גוף אליין און די קויל איז מיר אריין אט דא, און שפעטער נאך איבערנומען די קאמאנדע איבער א גאנצע זוואר, ווען אונזער זוואדנע איז געפאלען ווען מיר זענען אין וואלד אריין אט אזוי פערדיענט מען א געארגיעווסקי.

כ'בין טאקע געווען דער איינציגער איד אינ'ם פאלק מיין ראטנער האט עס בעדויערט, געזאגט מיר טאקי בזה הלשון : „א שאד, מאשקא, א שאד וואס דו ביזט א יעווריי, א ניט וואלסטו דאך געווארען א יעפרייטאר, און אפשר גאר אן אונטער אפיציר

מילא די מלחמה האט זיך געענדיגט און איך בין נאך געבליעבען דיענען, אבער „אנ'אויג" האב איך ביי זיי געהאט, כ'האב שטארק נושא חן געווען ביי זיי, פערשטעהסט ? מען דארף האבען שכל.

כ'מיין דיר דא צו דערצעהלען, וואס איך פערמאג, און אפילו דער סאמאדאדנע גענעראל האט דערפאר דרך ארץ, נור וואס דען, מען דארף האבען שכל און ניט אנקומען צו משפטים און דארפען זכות אבות.

כ'מיין עס דא מיט'ן סטראזשניק, פטור זעהסטו, עפעס גע'נותן'ט איהם אין יד אריין און שטיל".

שטיל, מיט'ן קאפ אראבגעלאזען ווי א פערשעהמטער, בין איך ארוים פון געארגיעווסקי קאוואליר.

„עס ארבייט זיך מעהר און שנעלער"
אויף
פריי'ס
קאקאו



צו פיהרען א גרויסען מאגול און צו זיין צייט תמיד אין צייט מוז מען האבען דער צומארך אין קאפ, מוסקולען, און נערווען ווען מען מוז א מאהל מאכען אן עקסטרא ראן" מוז דער אינדזשעניער זיין ווירקליך קלוג ווען ער וויים זיך אונטער צו גארטלען מיט א קאפ פריי'ס קאקאו. פריי'ס, ווייל עס מאכט „נערווען פון שטאל". עס איז א פראכטפאל מאכל פונקט ווי א מחיה,דיגע משקה.

טרינקט פריי'ס רעגעלמעסיג אליין און באמערקט ווי פיעל כח איהר באקומט דערפון.



Trade Supplied by
J. S. FRY & SONS, Limited
Truro, Montreal, Toronto, Winnipeg, Calgary, Edmonton, Vancouver, Victoria.

81

נעהט וואו אלע געהן.

אלע שניידער און פעדלער קויפען זייערע וואארעס און טרימינגס פאר סוטס און אווערקאוטס ביי

ליובינסקין די ספעציעלע אגענטען פון גרעסטע און בעסטע ענגלישע און סקאטלענדער וואולען מיללס.

פאר וואס ניט איהר? אונזער נאמען איז א גאראנטי פאר קוואליטעט און ראיעלע בעהאנדלונג.

J. LUBINSKY, 248 Simcoe Street, Toronto.
TELEPHONE MAIN 6446

פערלאנגט הערבאלאקס

דער בעריהמטער טשאקאלאד אבפיהר מיטעל קורירט פערשטאפונג און אין דער זעלבער צייט קורירט עס אלע קראנקהייטען וואס זיינען פאראורזאכט דורך פערשטאפונג.

צו בעקומען איבעראל 10 און 25 סענט א באקס.

Agent S. TURK, 171 Huron St. Phone Col. 8543

די פאריז בארגיין סטאר

מיר זיינען די ערשטע מיט דעם גרעסטען אויסוואהל פון פערשיעדענע וואלענס, דרעס גודס, סילקס, פלאש, וועלוועטס, טרימינגס און רעמנעטס. מיר קויפען אלע באנקראט סטאקס פיר קעש, די לעצטע בעטרענס, שעהנסטע דעזיינס ווען איהר קומט צו אונז קויפען סייפט איהר 50 פראצענט פון דעם דאלאר.

ספעשעל פרייזען פיר מאנופעקטשורערס און פעדלער.

ר. סילווערמאן פראפ. 101 עגנעס סטריט טעלעפאן אדעלייד 1420

פעדלערס און סטאר קיפערס

די בעסטע סגולה אנצוהאלטען קאסטומערס און צו מאכען געלד איז צו קויפען דריי־גודס, ריינקאוטס, פענסי גודס, דזשועלרי און נאוועלטיס ביי קאפלאן און קא.

האלסייל און דזשאבער 229 קווין סטריט וועסט טאראנטא, דער בעוואוסטער האלסייל פלאץ וואו פיעל פעדלער זיינען בערייכט געווארען. דזשאבלאטס זיינען שטענדיג דא. ארדערס פינקטליך אטענדעט.

קאפלאן און קא. דזשאבער 229 קווין סטריט וועסט, טאראנטא אנט.
טעלעפאן אדעלייד 3772.

ה. יאנאווער — טעלעפאן מיין 6886
א. ראזענפעלד — טעלעפאן קאלעדזש 5089

זיינען די

טאראנטא קאהל קאמפאני

—91 עגנעס סטריט — — פאן אפיס עדעלייד 2029—

פערקויפען נור

ELIAS ROGERS CO'S. ANTHRACITE

יעדער לאט קוילען אדער האלץ, ווערט דעליווערט מיט ראדזשערס טיקעטס,—פיר קוואליטעט און וואג גאראנטירט.

שפארט א 40% פון אייער קוילען ביל!

דייזי אש סיפטער



צו בעקומען אין אללע הארדוועיר סטארס.

אט האט איהר אן אש סיפטער (א באקס וואס זיפט דורך די אש וועלכער וועט זיכער פערקלענערען אייערע קוילען בילס, וועלכעס איז איצט זעהר וויכטיג. עס איז געמאכט שטארק פון בעסטען מאטעריאל און איז אויסגעצייכענט מיט'ן סטייל און עס ארבייט גוט. א לייכטער שאקעל און די אש ווערט אבגעטהיילט פון די ניט פערברענטע קוילען און מען מוז ניט בויגען דעם רוקען דאס צו טהאן. קיינע אנשטרענגונגען.

מאנופעקטשורד בלויז ביי

סארען בראס.. 549 קינג סט. וו.. טאראנטא

LYRIC THEATRE

פרייטאג און שבת אווענט

דעם 10־טען און 11־טען דעצעמבער

ווירד געשפיעלט ווערען צום ערשטען מאהל אין טאראנטא שלום אש גרויס מייסטער ווערק

אונזער גלויבען

דראמא אין 4 אקטען פון שלום אש

וויל דאס טאראנטאר פובליקום זעהן גוטע פיעסען פון גוטע שרייבער. דאס וועלען מיר זיך איבערצייגען פרייטאג און שבת צו דער אויפפיהרונג פון שלום אש'ס אונזער גלויבען

מ. העלער

176½ קווין סט. וועסט טאראנטא



נייעס פאר אידען!
איין אידישע סטאר פאר אידען

מיר מאכען אלערליי דזשועלרי גלייך אויף'ן פלאץ. חתונה רינגען נעמ.כט וויל איהר ווארט. מיר פיקסען אלערליי דזשועלרי פאר דעם בילינגסטען פרייז.

14 קערעט חתונה רינגען 80 סענט א פעניוויים. 18 קערעט חתונה רינגען $1.00 א פעני־וויים.

וואטשעס געקלינט גוט און גאראנטירט, 40 סענט. מיין ספרינגס 40 סענט, הייר־ספרינג 40 סענט, דזשולס 40 סענט, סטעפס 50 ס. מיר מאכען אייערע אלטע דזשועלרי ווי ניי פיר א קליינעם פרייז. אלערליי ברילען ריכטיג געפאסט צו אייערע אויגען 98 סענט. מיר גיבען אייך ראיעלע סחורה פאר דעם בילינגסטען פרייז.

צוויי דייטשע לופט שיפען שטויסען זיך צוזאמען

אמסטערדאם דעצעמבער 8.

צוויי דייטשע עראפליינס, מאנעווערירענדיג מאנטאג אבענד איבער עלערברוק איף א הויך פון איינינע הונדערט פיס האבען זיך אנגעשטויסען איינער אין צווייטען און זיינען געפאלען צו דער ערד, דורך וועלכען די מאנשאפט, פיער פערזאן זיינען געטויטעט געווארען.

די גוזאלין קעסלען האבען געפלאצט און האבען איינגעוויקעלט אין פלאמען די לופט שיפען.

די קערפער פון די פיער אונגליקליכע זיינען אזוי צוברענט געווארען אז מען האט זיי ניט געקאנט דערקענען.

דיימאנדס $1 $2 $3 וועכענטליך

איהר האט יעצט די געלעגענהייט צו האבען דעם פיינסטען דיימאנד אדער אנדערע דזשועלרי דורך דאס קרעדיט סיסטעם פון דזשייקאב בראדערס. דיימאנדס ווי עס איז בעוואוסט ווערט אלע מאל טייערער און עס איז אן אייביגקייט.

מיר גאטריוען יעדען ערליכען מענשען וואו דאס איהר האט די געלעגענהייט צו קויפען ביי אונז דיימאנדס מיט דיא לייכטעסטע אבצאהלונגען.

ספעשעל דיסקוינט 10 פראצענט פאר קעש.

דזשייקאב בראדערס 15 יאנג סט. ארקייד.

חזן קאפלאן'ס שיפס קאנטאר

געלד געשיקט נאך אלע טהיילען דער וועלט, שנעל און זיכער מיט א גאראנטי. פייער לייף עקסידענט און קראנקען אינשורענס בעקומט איהר אין מיין אפיס. 297 קווין סטריט, טעלעפאן אפיס אדעלייד 23. הויז פאן אדעלייד 1545

אונטערזוכונג וועגען די מיליטערישע מלחמה קאנטראקטען געהט אן

אטאווא דעצעמבער 8.

די אונטערזוכונג אין דער בעשולדיגונג פון די "מענס וועיר" א זשורנאל וועלכער ווערט דא געדרוקט, און וועלכער האט געמאכט א בעשולדיגונג אז א געוויסער ריעל עסטייט מאן האט בעקומען א מיליטער קאנטראקט פון וועלכען עס איז געמאכט געווארען 22 טויזענד דאלאר פראפיט.

דער ערשטער עדות איז גערופען געווארען דזשיימס אקטאן, דער ארויסגעבער פון דעם אויבענדערמאהנטען זשורנאל.

נאך פיעלע פראגען האט ער ערקלעהרט אז דער ריעל עסטייט מאן איז א געוויסער האפקינס, וועלכער איז א ריעל עסטייט מאן און האט אן אפיס אין 30 עדלייד סטריט וועסט, און די פעקטארי וועלכע האט געמאכט דעם ארדער איז די אימפיריאל קלאדינג קאמפאניע, וועלכע ער האט אנגערופען אויסלענדער ווייל די בעלי בתים זיינען עסטרייכער.

א פארשטעהער פון דעם מיליטער קאנטראקט דעפארטמענט האט אבער אבגעלייקענט אקטאנס אויסזאגונגען אז צו האפקינסען איז קיין קאנטראקט קיין מאל ניט נעגעבען געווארען.

מר בראון, דער דירעקטאר פון דעם קאנטראקט דעפארטמענט האט ערקלערט, אז די עמפייער קלאדינג קאמפאני האט בעקומען א קאנטראקט לעצטען אויגוסט פאר 12,500 פאאר פענטס צו $3,69 א פאאר.

אויף דער פראגע אויב האפקינס האט געבעטען פאר די עמפייער קלאדינג, האט מר בראון ערקלעהרט אז ער ווייס ניט, נור ער וועט איבערקוקען די בריעף וועלכע ער האט ערהאלטען פון האפקינס.

אקטאן, דער הויפט בעשולדיגער האט אבער ניט קיין געניגענדע בעווייזע מיט וועלכע ער זאל קענען איבערצייגען זיין בעהויפטונג, און אויך קען ער ניט איבערצייגען אויב דער מעמבער אף פארלאמענט וועלכען ער האט בעשולדיגט אין געבען דעם קאנטראקט אז ער האט טאקי געטהאן.

די אונטערזוכונג ווערט פארטגעזעצט.

רעפארטערס האבען נעכטען געזוכט דעם בעשולדיגטען האפקינס אבער ער איז אין שטאדט ניטא.

ווערען בעשטראפט פאר איבערשמוגלען א דייטש איבערן גרענעץ

וויליאם הענרי אירווין (יעצט א סאלדאט), מייק און סטיוו סטאני, צוויי מאצעדאנער, זיינען נעכטען פארגעבראכט געווארען אין קרימינאל קאורט פאר דזשאדזש ווינטשעסטער אויף דער קלאגע דאס זיי האבען געמאכט א קאנספיראציע צו העלפען פריטץ ריינהארט, א דייטש אוועק צו פאהרען פון קאנעדע, אין דיא סטייטס.

פאסירט האט עס לעצטען אויגוסט.

ווען ריינהארט איז שוין געווען אכט וואכען אין באפלא האט מען איהם אהער צוריקגעבראכט און ער איז טאקע אויפגעטראטען אלס עדות נעגען די אנגעקלאגטע.

אויף'ן וויטנעס סטענד האט ער דערצעהלט אז אירווין האט איהם פאר 5 דאלאר איבערגעפיהרט דעם גרענעץ.

די קיים איז אבער ניט געווען אזא שווערע ווייל ריינהארדט איז ניט קיין דייטשער רעזערוויסט, און נאך זיין אייגענער ערקלעהרונג איז ער געפאהרען אין די סטייטס צו זוכען ארבייט, ווייל ער איז דא אומגעגאנגען אהן ארבייט.

די אנגעקלאגטע האבען זיך פערטהיידיגט דערמיט וואס זיי האבען ערקלעהרט אז דער דייטש האט זיי אבגענארט און האט זיי דערצעהלט אז ער איז א שווייצאר.

דער דזשאדזש האט זיי אבער געפונען שולדיג און האט אויף זיי ארויפגעלעגט א שטראף פון 200 דאלאר אויף יעדען אדער צו 6 מאנאטען דזשייל.

די צוויי מאצעדאנער האבען גלייך בעצאהלט זייער שטראף און אירווין האט דער דזשאדזש נעגעבען א וואך צייט צו בעקומען דאס געלד.

פריש ענגליש מיליטער אנגעקומען אין מעסאפאטאמען

לאנדאן דעצעמבער 8

ווען מעמבערס אף פארלאמענט האבען געשטעלט פראגען בנוגע דער לאגע אין מעסאפאטאמיען נאך דער ניעדערלאגע ביי באגדאד, האט זיי דזש אוסטען טשעמבערליין, דער סעקרעטער פאר אינדיען געענטפערט, דאס די ענגלישע פערשטארקונגס טרופען וועלכע מען האט געהאט געארדערט קיין מעסאפאטאמיען נאך איידער טאונסהענד האט וואנסירט קיין קטעסיפאן, נעבען באגדאד, האבען שוין אנגעהויבען אנצוקומען צום שלאכט פעלד.

ער האט אויך זיי געגעבען פאלגענדע פרטים: אז די אינגליקספעלע ביי קטעסיפאן און נאכבארשאפט טרעפען אן 643 טויטע, 3340 פערוואונדעטע און 643 פעהלען, דערצו מוז מען צוגעבען א פערלוסט פון 300 אין צייט פון צוריק ציהען זיך. מעהר איינצעלהייטען האט ער זיך ענטזאגט צו געבען.

מר. טשעמבערליין האט אויסגעדריקט בעוואונדערונג פאר די פיינע אייגענשאפטען וואס די ענגלישע און אינדישע טרופען האבען ארויסגעוויזען קעמפענדיג מיט א פיעל גרעסערער מאכט פון זיי.

אין הויז אף לארדס איז אויך דיעזע בעגעבענהייט דיסקוטירט געווארען. דער מארקיז פון קרו האט זיך אויסגעדריקט דאס אזוי ווי טאונסהענד'ס טרופען זיינען געווען מעהר פון א דיוויזיע האט מען דארום געראכענט אז דאס וועט גענוג זיין אזוי האבען געדענקט קאמפעטענטע בעאמטע.

באראן סידענהעם האט זעהר געלויבט די טרופען. ער האט דערמאנט דאס די מעהרסטע צאהל האבען געדינט אינדישע טרופען.

דער שונא איז אבער געווען פיעל מעהר אין צאהל.

אונזער הייראט סיסטעם איז פאלש זאגט א יוניווערסיטי פראפעסאר

אונזער הייראטהס־סיסטעם איז פאלש זאגט א יוניווערסיטי פראפעסאר.

אין פופציג יאהר ארום וועלען אונזערע קינדער זיך וואונדערען, ווי אזוי מיר האבען געקענט אויפהאלטען אזא הייראטס־סיסטעם ווי מיר האבען היינט צו טאג. דיעזע ערקלעהרונג האט געמאכט דר. אוריל בראנס, געוועזענער פראפעסאר פון ערציהונגס אין לעלאנד, סטענפארד יוניווערסיטי, אין א לעקטשור וואס ער האט די טעג געהאלטען פאר די מיטגליעדער פון דער יוניווערסיטי עקסטענשאן סאסייטי אין דזשווירמענטאון. מיר דערלאזען, אז בעוואוסטע "פרויען־העלדער" זאלען הייראטהען מיט די מיידלאך, וועלכע זיי פאנגען אין זייער נעץ, ווי מיר האבען געקענט זעהען פון אן ענטשיידונג, וואס דאס געריכט האט ניט לאנג צוריק ארויסגעגעבען: און דאס געשעהט בלויז דערפאר, ווייל די הייראטה איז גוזעצליך און געהייליגט דורך דער רעליגיאן, וועהרענד מיר האבען די אויסוואורפען גוזאלט פערדאמען און זיי ארייניוארפען אין פריזאן דערפאר.

אונזער טהעאריע מכח דער פאמיליע האט פראפעסאר בארנס געזאגט, איז אבסאלוט שלעכט און זינלאז. מיר מוזען האבען א נייעם ביאלאגישען בעגריף פון הייראטה, וואס וועט אנערקענען די פאדערונגען פון די נאכקומענדע דורות, א נייע פאארונגס־מאראל וואס זאל שטעהן איבער דער קירכע און שטאאט און וואס וועט פערבאטען די צוויי הונדערט טויזענד. שוואכזיניגע אין די יוניטעד סטייטס ניט צו הייראטהען און ברייננען אויף דער וועלט בלויז שוואכזיניגע קינדער.

נור איין דריטעל פון אונזערע פרויען צווישען פינף און צוואנציג אין פערציג יאהר זיינען פערהייראטה, האט ער ווייטער ערקלעהרט. דאס איז דערפאר ווייל די מעהרסטע פרויען זיינען נעגען דעם פאלשען פאארונגס־באזיס פון דער הייראט, נעגען דער פאלשער פאזיציאן, אין וועלכער די פרויען געפינען זיך נאך דער חתונה, און געגען דעם וואס עס עקזיסטירען ניט קיין לייכטע גט־געזעצען, דורך וועלכע מענשען, וואס זיינען ארייננעפאלען אין אן אונגליקליכען, מיאוס'ען צוזאמענלעבען, זאלען קענען בעפרייט ווערען, אנהענגער פון דער פרויען בעוועגונג מאכען א מיסטייק, בעטראכטענדיג די פרויען אלס שקלאפינען פון די מענער וועהרענד די מענער זוכען בלויז זיי צו בעשיצען. די פאלשע פאזיציאן פון פרויען האט געפיהרט דערצו אז זיי זאלען פערלירען זייער שטארקייט ווייל זיי ווערען געצערטעלט פון זייערע מענער. פאלגליך פערלירען זיי דעם אינטערעס אין אויסערליכע טהעטיגקייט.

אבער די ענטוויקלונג און אויסבילדונג פון דער ראסע, האט ער ווייטער געזאגט, ליגט פונדעסטוועגען דאך ביי די פרויען אין די הענד. אין די הייסקוהלס זיינען דא מעהר מיידלאך ווי באיס, און די מעהרסטע יונגע פרויען האבען א בילדונגס אנלאגע, וואס שטעהט העכער ווי די בילדונגס־אנלאגע פון באיס, וועלכע געפינען זיך אין זעלבע אומשטענדען פון לעבען.

אונזערע ערציהונגס־סיסטעמען מאכען א גרויסען פעהלער, זאגט פראפעסאר בארנס ווייטער, דערמיט וואס זיי בילדען מיידלאך צווישען צוועלף און אכצעהן יאהר אלט בלויז דורך פרויען אליין. עס וואלט ניט געדארפט זיין קיין אינסטיטושאן, פון וועלכער מענער אדער פרויען זאלען זיין אויסגעשלאסען. אלע פרויען־קלובס וואלטען געדארפט אבגעשאפט ווערען. ס'איז ניטא קיין שום אורזאכע, פארוואס "וועלסלי" אדער "ברין מאאר" זאל זיין א קאלעדזש בעזונדער פאר מיידלעך, ווי עס איז ניטא קיין אורזאכע פאר "פרינסטאן" אדער "יעיל" צו זיין א קאלעדזש אויסשליסליך פאר מענער. דער פראפעסאר האט ערקלעהרט אז ער וואלט וועלען אין דער מינוט אבשאפען אלע פעראיינען, וועלכע זיינען אויסשליסליך פאר יונגע מענער, און אלע פעראיינען, וועלכע זיינען אויסשליסליך פאר יונגע פרויען, און גרינדען אויף זייער ארט פעראיינען פאר יונגע לייט אין יעדער שטאדט אין אמעריקא.

די שטעדט, האט פראפעסאר בארנס ערקלעהרט, זיינען פול מיט וואויל־טהוענדע אינטעליגענטע יונגע פרויען, וועלכע האבען ערהייכט א גרויסע אינדוסטריעלע און אינטעלעקטועלע פרייהייט, אבער וועלכע ווערען געשטערט פון קריגען גוזעלשאפטליכע פרייהייט. זיי האבען ניט קיין געלעגענהייט צו הייראטהען, ניט קוקענדיג דערויף וואס אין דיעזען לאנד געפינט זיך כמעט א מיליאן מעהר איינגעבוירענע ווייסע מענער, איידער פרויען, ווייל זיי האבען ניט קיין געלעגענהייט זיך צו טרעפען מיט וועהלבארע יונגע מענער. מיר נייטיגען זיך ניט אין געזעצע צו בעשיצען מאנאגאמיע (די הייראט בלויז מיט איין פרוי); מיר דארפען האבען געזעצע צו מאכען די מאנאגאמיע מעגליך פאר זיי.

"מיר האבען עס היינט־צו־טאג געמאכט פאלשטענדיג אונמעגליך פאר א מענשען צו פערהונגערען פיזיש, סיידען ער טהוט עס דורך אן עקסידענט", האט פראפעסאר בארנס געשלאסען זיין פארטראג. "דער הונגער, וואס איז אמאל געווען די קראפט וואס האט געטריבען מענשען צו ציוויליזאציאן, איז איצט, מיט ווייניג אויסנאהמען, א זאך פון דער פערגאנגענהייט. אבער מיר האבען גארנישט געטהאן צו פערהינדערען די אורזאכע פונ'ם הייראטס־אונגליק וואס ליגט אין ניינציג פראצענט פון אלע פעלע אין דער פאלשער פאזיציאן פון דער פרוי ביי איהר מאן אין הויז; און מיר האבען אבסאלוט גארנישט געטהאן ארויסצובריינגען א ראציאנעלע לייזונג, ווי אזוי יונגע מיידלאך און יונגע מענער זאלען זיין פריי בעקאנט מיט דער געגענזייטיגער חבר'שאפט, וועלכע זיי דארפען ביידע אזוי נויטיג און וועלכע וועט שאפען גליקליכע הייראטען."

בעסטער לימינענט פון אלע פערניכטעט יעדער שטעכניש אבער עס ברענט קיינמאל

"ווי דאנקבאר מיר זיינען צו בעקומען אזא וואונדערבארע הויז רפואה ווי נערוועלין", שרייבט מיסעס ע. פ. הארמאנטענאן פון איהר היים ארום ווענטאס קאווין, אלבערטא. אין דיעזער ווייטער סעקשאן, וועלכע איז ווייט פון א דאקטאר אדער א דראגיסט, יעדער פאמיליע דארף האבען א גוטען פאראט פון לינימענט, נערוועלין איז דאס בעסטע פון אלע, עס פערניכטעט יעדע שטעכענים, אבער עס ברענט קיינמאל, מיר נוצען נערוועלין אויף פערשיעדענע וועגען, איז עס רומאטיזם, שטעכענים אין פלייצע, שטעכענים אין זייט, היפטען שמערצען, אדער שטייפער נאקען, קענט איהר לאבען פון דעם אויב איהר האט גענוג נערוועלין ביים האנד, אויערען וועהטאג, צאהן וועהטאג, אדער קרעמפס, דענק איך ניט אויב עטוואס אנדערש קען עס שנעלער סטאפען, פאר יעדע שטעכענים ווייס איך ניט פון קיין בעסערע רפואה וועלכע ווירקט און היילט שנעלער ווי נערוועלין.

דער אויבענגעבראכטער בריעף איז איבערצייגענד, עס ווייזט ווי מען קען זיך פערלאזען און ווי זיכער עס איז די אלטע רפואה.

נערוועלין איז פאר פערציג יאהר געווען א הויז ווארט אין קענעדע.

צווייפעלהאפט אויב איהר קענט געפינען א הויז אין קענעדע אהן נערוועלין.

יעדער געמיינדע האט איהרע לעבעדיגע ביישפיעלע פון די וואונדערבארע היילונגס אייגענשאפטען פון נערוועלין וועלכער היילט שטעכענים איבעראל אין די גליעדער און מוסקלען, עס איז דורכדרינגענד, בערוהיגענד וואוים און זיכער צו נוצען פאר יונג און אלט.

נעהמט א גרויסע 50 סענטיגע פאמיליע בוטיל, עס איז הייפט עקאנאמיש. א קליינער טריעל סייז 25 סענט ביי אלע דיעלער איבעראל.

אן אויפרוף
צו אלע קעלצער לאנדסלייט!

איהר זייט פערפליכטעט זיך אבצורופען צו די הימעל רייסענדע געשרייען פון אייערע מיטברידער וואס ליידען הונגער און נויט אין די מלחמה געגענדען. איהר דארפט זיך אלע צוזאמענקומען און בעשפרעכען פלענער ווי אזוי צו שאפען געלד אום זיי צו העלפען אין דיזער קריטישער צייט.

א קאמיטע פון קעלצער לאנדסלייט איז געשאפען געווארען וועלכע האבען זיך פערפליכטעט דיזע נאבעלע ארבייט צו פערווירקליכען און צוליעב דיזען צוועק איז אויך אראנזשירט געווארען דאס א מיטינג זאל שטאטפינדען דיזען זונטאג דעם 12־טען דעצעמבער אום 2 אוהר נאכמיטאג אין ציון אינסטיטוט 206 בעווערלי סטריט, רום 6 וואו מען ערווארטעט אייך, אום מיט פעראייניגטע קרעפטען ערפילען אונזער אויפגאבע.

עס איז אייער פליכט אזוי גוט ווי אונזערע און איהר מוזט זיך לאזען הערען!

מיט אכטונג
די קאמיטע

MEET ME AT THE FIRESIDE **Strand** YONGE NEAR KING
CONTINUOUS 10 AM. TO 11 PM. MATS 5¢-10¢ EVES 5¢ 10¢ 15¢

מאנטאג דינסטאג און מיטוואך
וויליאם פאקס פרעזענטירט
וויליאם פארנום
אין דער הויפט ראלע אלס
סאמסאן
13־טע פארזעטצונג פון די געטהין
פאטהי מלחמה נייעס
פאטהא מלחמה נייעס

מעזאנינע סיטס רעזערווירט ביי טעלעפאן מיין 3345

HIPPODROMME
City Hall Square

אונאונטערבראכענע פארשטעלונג

אונאויפהערליכע פארשטעלונג
די וואך פון מאנטאג דעם 6־טען
די פאטא פליי סענזאציאן
"ניעל אף די נייזוי"
7 וואדעוויל אקטען 7
7 ערשטע ראן פאטא פלעיס 7
פאפולערע פרייזען
מאטינעע 10 15ס.; אווענדס 10, 15, 25ס.

דיא טאראנטא עלעקטריק סופליי קא.

האבען געעפענט א אידישען ברענטש אין 95 קווין סט. וועסט, וואו איהר קענט קריגען עלעקטריק פיקטשורס די בעסטע קוואליטעט פיר 7 רומס פאר $11,75 צוזאמען מיט דעם פיקסען אין אייער הויז.

אונזער ספעציאליטעט: וויירינג און ריפיירינג.

מיר פערקויפען טאנקסטאן לעמפס 22 סענט מיט א גאראנטי.

אפען אווענדס.

THE TORONTO ELECTRIC SUPPLY CO.
95 QUEEN STREET WEST
Tel. Adelaide 3527
Managor's Residence 2223

אידישע פארמערס קאנווענשען אין ניו יארק

(פארטזעצונג פון פיידזש 5.)

מעהר אגיטאטארס. דיא פיהרערס דארפען אבער ניט ערוועהלט ווערען, זיי דארפען ארויסוואקסען אלס פיהרערס פון דיא פאלקס מאסען".

מר. שיף האט אויך אנגעריהרט דיא ציוניסטישע און נאציאנאלע בעוועגונג און דיא רעליגיאן פראגע. דאס איינציגע זאך וואס קען אויפהאלטען דיא נאציאנאליטעט פונ'ם אידישען פאלק, נאך זיין מיינונג, איז דיא רעליגיאן.

א שעהנע און זעהר פאסענדע פארטראג האט געהאלטען האן. הערי קאטלער, פון פראווידענס טשערמאן פון אימיגריישאן קאמיטע פון בני ברית. בעגריסונגס רעדעס זיינען געהאלטען געווארען פון האן. סעמיועל גרינבאום, פרעזידענט פון אדיוקיישאנאל אליינס, אלפרעד זשארעצקי, עקס פרעזידענט פון דיא דזשואיש אגריקולטשורעל ענד אינדאסטריעל אייד סאסייעטי דר. דזשייקאב ליפמאן, דירעקטאר פון ניו דזשוירזי אגריקולטשורעל עקספערימענט סטיישאן. האנ. ס. גרינבוים איז געווען פארזיצענדער, מר. לואיס מארשאל, פרעזידענט פון דער אמעריקאן דזשואיש קאמיטע איז אויך געווען אויפ'ן פראגראם אלס איינער פון דיא רעדנערס, ער איז אבער ניט געקומען.

קאנפערענץ אין לאנדאן

לאנדאן, —

אויף דעם יעהרליכען מיטינג פון דער "אנגלאדזשואיש אסאסיאיישאן" איז בעקאנט געווארען, דיא יק"א, פון וועלכער דיא אסאסיאיישאן איז א טייל, וועט אפהאלטען דיזען מאנאט א קאנפערענץ אין לאנדאן. [illegible]

דיא יק"א איז דיא אידישע קאלאניזאציאנס געזעלשאפט וואס איז געגרינדעט געווארען מיט דיא פאנדס פון באראן הירש.

דער פרעזידענט פון דער אסאסיאיישאן האט גראטולירט לעאפאלד ראטשילד צו זיין 70טען געבורטס־טאג און דער מיטינג האט אנגענומען אן איינשטימיגען וואוט וועגען דעם.

פאר די מלחמה קרבנות

ווערטהער הערר רעדאקטאר!

מיר די אונטערצייכענטע שיקען אייך אריין צוויי דאלאר פאר די מלחמה קרבנות, מיר האבען געקראגען חנוכה געלד זא האבען מיר זיך בעראטהען אז דאס בעסטע וועט זיין צו שיקען פאר די ארימע פאמיליעס אידער צו ספענדען אויף קענדיס און אנדערע שפיעל געצייג. האפענטליך דאס מיר טהוען דאס בעסטע פערבלייבען מיר מיט אכטונג

הערי העלער, 9 יאהר אלט.
לייבעל פינגערהוט 8 יאהר אלט.
212 טאלפארד סטריט סארניא אנט.